STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02747

REB YISRAEL BAAL SHEM TOV

Gershom Bader

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר׳ ישראל בעל שם טוב

היסטאָרישעס פֿאָלקסשטיק אין פֿיער אקטען.

פֿון

גרשם באדער.

לעמבערג 1922

ר׳ ישראל בעל שם טוב

היסטאָרישעס פֿאָלקסשטיק אין פֿיער אקטען.

פֿון

גרשם באדער.

לעמבערג 1922

דעם שעפּפער פונ׳ם מאָדערנעם יודישען דראַמאַ

יעקב גאָרדין

מיט גרויס דרך־ארץ געווידמעט.

פּערזאָנען:

ר׳ ישראל בעל שם טוב — 20 יאָהר

ר׳ אברהם גרשון קיטעווער — 50 יאָהר

שרה־מלכה, זיין ווייב — 50 יאָהר

חנה, זיין שוועסטער — 18 יאָהר

ר׳ בער, ר׳ גרשון קיטעווער׳ס אַן שפּעטער ר׳ ישראל׳ס תלמיד, 18 יאָהר

אַלעקסי, ר׳ ישראל׳ס משרת, 30 יאָהר

אַ פּױלישער וואָיעוואָדע

יעגער

יודען

פּויערן.

אָרט דער האַנדלונג:

ערשטער אַקט: אין די בערג צווישען קוטי און קאָסאָוו.

צווייטער אַקט: אין קוטי.

דריטער אַקט: אין אַ דאָרפישער קרעטשמע, אין שענק־שטוב.

פערטער אַקט: אין דערזעלבער קרעטשמע, אין דער ישבֿת יש[illegible].

צייט: 1715-1720

ערשטער אקט.

די סצענע שטעלט פאר א געגענד פון רייכע פעלדער, ארומגערינגעלט מיט בערג פון אלע זייטען. רעכטס געפינט זיך א הייל, וואו ר' ישראל „וואוינט". ר' ישראל שטעהט אנגעטהון אין א טלית איבער'ן קאפ, געהט אויף און אב און דאווענט. חנה שטעהט פון ווייטען און מען דערקענט אן איהר פנים, אז זי איז בעגייסטערט פון ישראל'ס דאווענען. זי שטעהט און ער בעמערקט זי גאר נישט. האטש ער געהט פאר איהר עטליכע מאל פארביי.

ר' ישראל דאווענט:

זוי גרויס און שטארק איז ער מיין גאט,
אנגעטהון אין פראכט און הערליכקייט,
די וועלטען־ליכטיגקייט איז ער ארום־געהילט ווי איין איינהיל,
אויסגעשפרייט אונטער איהם איז דער הימעל ווי א קאבריץ.
קעמערליך האט ער זיך אויסגעוועלבט אינ'ם וואסער,
זוי א וואגען זענען ביי איהם די וואלקען,
אויף די פליגעל פונ'ם ווינד שוועבט ער ארום.
זיינע שליחים זענען די שטארקע ווינטען,
דאס ברענענדיגע פייער שטעהט אין זיין דיענסט.
אויף איהרע גרונד־פעסטען האט ער די ערד געשטעלט,
נישט אוועקריקען קיינמאל זאל זי זיך פון איהר ארט.
דעם אבגרונד האט ער צוגעדעקט ווי מיט א קלייד,
אויף די בערג איז שטעהן געבליבען דאס וואסער.
פאר זיינס א געשריי אנטלויפט אלעס,
פאר'ן קול פון זיין דונער ווערד אלעס ערציטערט.

(פון וויטען הערט זיך טראָמפּעטען־סיגנאַלע און אַ שיעסעריי. מר ר' ישראל הערט עס נישט און דאַווענט ווייטער.)

ער קוקט צו דער ערד,
ווערד אלעס ערציטערט;
ער ריהרט אן א בערג,
ווערד ער פערוואנדעלט אין רויך.
זינגען וויל איך צו מיין גאָט,
ווי לאנג איך וועל לעבען;
לויבען וויל איך מיין גאָט,
כל־זמן איך בין אויף דער וועלט.
ווען מיין תפלה איז איהם ליעב,
איז עס מיר די גרעסטע שמחה פון גאָט . . .

(ער געהט אַריין אין זיין הייל. חנה, וועלכע שטעהט די גאַנצע צייט און הערט זיין געבעט מיט בעגייסטערונג, געהט אויך אַוועק — און עס ערשיינט אַ יאַגד־געזעלשאַפט. זיי לעגען זיך אוים אַברוהען און נעהמען זיך ארוים עסען. דאַן קומט ר' ישראל אַרויס פון דער הייל און דאַווענט ווייטער ווי גייסטעס־אַבוועזענד).

ווען אונזער מויל זאָל זיין פול שירה,
ווי דער ים איז פול וואַסער;
ווען אונזער צונג זאָל זיין פול געזאַנג,
ווי די מאַסען הוואַלעס;
ווען אונזערע ליפען זאָלען זיין פול לויב,
ווי ברייט דער הימעל איז;
ווען אונזערע אויגען זאָלען לייכטען,
ווי די זון און ווי די לבנה;
ווען אונזערע הענד זאָלען זיין אויסגעשפרייט
ווי די פליגלען פון די הימלישע אָדלער;
ווען אונזערע פיס זאָלען זיין אַזוי גרינג,
ווי די פיס פון אַ הערש —

איינער פֿון די יעגער (דערזעהט איהם):

אַה, אַ זשיד!

אַ צווייטער:

גיב איהם אַ קילקע אין קאָפּ אַריין!

אַ דריטער:

גוט, גוט, װעלען מיר האָבען נאָך אַ חזיר געשאָסען.

(דער ערשטער שטעלט זיך גלייך אונטער ר׳ ישראל און שיעסט אויס אונטער'ן אויער. ר׳ ישראל הערט עס ניעשט און ריהרט זיך ניעשט פֿונים אָרט).

דער צווייטער:

דאַכט זיך, אַ יוד מיט אַ האַרטער הויט. דערלאַנג איהם נור דאָרט מיט דער קאָלבע איבער'ן קאָפּ, וועט ער שוין דערפֿיהלען!

(דער ערשטער וויל איהם געבען אַ זעץ מיט דער ביקס איבער'ן קאָפּ, נור ר׳ ישראל כוקט זיך פּל־צלינג אום און דער יעגער בלייבט שטעהן ווי דערשראָקען פֿאַר ר׳ ישראל׳ס קוק. דערוויל קומט צו דער וואָיעוואָדע).

ר׳ ישראל:

וואָס ווילט איהר? פֿאַר־וואָס שטערט איהר מיין געבעט?

דער ערשטער יעגער:

צו וועמען בעטסט די דען, יוד?

ר׳ ישראל:

צו דעם גאָט, וואָס האָט אונז אַלע בעשאַפֿען.

דער צווייטער יעגער:

ס'איז אודאי עפּיס אַ כשוף־מאַכער, אַז די קולקע האָט איהם ניעשט געטראָפֿען. (הייבט אויף די קאָלבע געגען איהם).

דער וואָיעוואָדע:

לאָזט איהם געמאַך! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מענש?

(די יעגער שטעלען זיך אָן אַ זייט, דאַן געהען זיי אַוועק).

דער וואָיעוואָדע (צו ר׳ ישראל):

ווער ביזטו און וואָס טהוסט דו דאָ צווישען די בערג?

ר׳ ישראל:

ווער איך בין, ווילט איהר וויסען. איך בין א יוד! — און וואס איך טהו דא, ווילט איהר וויסען. דא דיען איך צו מיין גאט!

דער וואָיעוואָדע:

זענען שוין ווייניג פאר אייך אלע שוהלען, אז דו געהסט אויש גאט דיענען אין פרייען פעלד?

ר׳ ישראל:

מיין שוהל איז ניכשט צווישען מויערען, צווישען פיער ווענד פון א הויז. אזוי ווי מיין גאט איז אומעטום אויף יעדען אָרט, אזוי קען איך מיר אויך מאכען א שוהל אויף יעדען אָרט...

דער וואָיעוואָדע:

און וואו וואוינסט דו?

ר׳ ישראל:

א דאָ אין דער הייל וואוין איך.

דער וואָיעוואָדע:

און פון וואס לעבסט דו?

ר׳ ישראל:

פון עסען.

דער וואָיעוואָדע:

פון וואנען נעמסט דו עס?

ר׳ ישראל:

פון גאט׳ס פרייער וועלט. די ביימער געבען מיר זייערע פירות און דייסען זיך ניכשט בעצאָהלען דערפאר. די קוואל גיט מיר גערן איהר וואסער — און אמאל געפין איך אויך דאָ אין די פעלדער א קארטאָפלע, אנצובראָטען און אויפצועסען.

דער וואָיעוואָדע:

הייסט עס, אז דו לעבסט פון גנבה. די ביימער און די קארטאָפלעס זענען דאך פרעמד אייגענטום.

ר׳ ישראל:

די ביימער און די קארטאָפּלעס זענען גאָט׳ס אייגענטום. ער האָט זיי בעשאַפֿען פֿאַר׳ן פֿויגעל אין וואלד, פֿאַר דער חיה אין פֿעלד, פּונקט אַזוי ווי פֿאַר׳ן מענש.

דער וואָיעוואָדע:

לאָז זיין, ווי דו זאָגסט. נור זאָג מיר, איך בעט דיך, צו וואָס טרייסט דו דאָס אַלדינג? צוליעב וואָס האָסטו דיך עפּיס אָבגעשיידט פֿון דיינע ברידער?

ר׳ ישראל:

איך קען נישט קיין אַנדערן וועג, גאָט צו דיענען, ווי נור דאָ אויף גאָט׳ס פֿרייער לופֿט. דאָ זעה איך אומעטום מיין גאָט און איך פֿיהל מיך נעהנטער צו׳ן איהם. אויסערדעם איז מיין אַרט דיענען גאָט אַ גאַנץ אַנדערער, ווי ביי מיינע ברידער. יענע דיענען איהם אויף איין אַנדערן אופֿן און איך דיען איהם אויף איין אַנדערן אופֿן. ביי איינע איז דער עיקר לערנען, נאָכקלערען, אויסטייטשען גאָט׳ס תורה, ביי אַנדערע איז דער עיקר פֿאַסטען און וויינען. ביי מיר הייסט גאָט דיענען, נישט לערנען, אָדער פֿאַסטען און קלאַגען, נור גאָט לויבען מיט ערנסט דאַווענען...

דער וואָיעוואָדע:

בּיזט דאָך עפּיס גאָר אַ מאָדנע מענש. נישט אינ׳ם שטודירען די געטליכע פֿאָרשריפֿטען זעהסט דו דעם אמת׳ן גאָטעסדיענסט און אויך נישט אינ׳ם פֿאַסטען?...

ר׳ ישראל:

דאָס פּייניגען דעם גוף בעטראַכט איך פּשוט פֿאַר אַ זינד. דער אייבערשטער האָט דעם מענש בעשאַפֿען, ער זאָל איהם דיענען — און אַז דער מענש פּייניגט זיך דעם גוף, נעמט ער זיך אַוועק דעם כח פֿון דיענען זיין ליעבען גאָטען. דאָס אריין־שטודירען אין די געטליכע

פֿאַרשרײַבטען איז װײַטער אַ טרוקענע זאַך. די אױסענװײניגסטע שאָל פֿון דער פּרי. דער עיקר דאַרף מען אַרײַנשטודירען אין גאָט אַלײן, כדי צו בעגרײַפֿען זײַן גרױסקײט, װײַל װער עס בעגרײַפֿט גאָט׳ס גרױסקײט, דער דאַרף נישט מעהר קײן פֿאַרשרײַבטען, װײַל ער פֿערשטעהט שױן אַלײן, װי ער האָט זיך נוהג צו זײַן, גלײַך װי מען דאַרף נישט אַ פּריץ ערשט לעהרנען, װי ער זאָל זיך אױפֿפֿיהרען בײַם מלך׳ס טיש . . .

דער װאַיעװאָדע:

זעהסטו, דו זאָגסט דאָ אַרױס זעהר אַ גוטען געדאַנק.

(עס הערט זיך אַ געשרײ פֿון הינטער דער ביהנע. די יעגער האָבען געכאַפּט חנה׳ן און ברענגען זי צו שלעפּען צום װאַיעװאַדע).

דער ערשטער יעגער:

זעהט נור, העדר װאַיעװאָדע, װאָס מיר האָבען אײַך געבראַכט... אַ זשידאָװקעטשקע, אַ צאַצקעלע . . .

דער צװײטער יעגער (נעמט זי אַרום):

אַ גוט שטיקעל, אַ פֿעטער ביסען!

דער דריטער יעגער:

אונזער װאַיעװאָדע װעט שױן הײַנט האָבען אַ גוטען טאָג!

חנה:

איך בעט אײַך זעהר, לאָזט מיך אָב! װאָס װילט איהר פֿון מיר האָבען?

דער ערשטער יעגער:

װאָ־ף דיך נישט אַזױ! אַ יודיש מײדיל דאַרף װיסען, אַז מען טאָר נישט אַלײן אַרױסגעהן אין אַ װאַלד צװישען בערג. דו װײסט, אַז דאָ דרעהען זיך אַרום װעלף — דאַרף מען דיך טאַקי אָבפֿיהרען פֿון דאַנען . . .

דער צווייטער יעגער:

א וואָלף קען דיך נאָך חלילה אויפעסען, מוזען מיר דיך אבפיהרען צו'ן אונז אין הויף אריין...

חנה (ווארפט זיך דעם וואָיעוואָדע צו די פיס):

האָט רחמנות אויף איין אָרים יודיש מיידעל און לאָזט מיך אב אהיים... וואס טויג אייך, מיט מיר שפאָס צו טרייבען?

דער וואָיעוואָדע:

שפאָס? חלילה! (ער נעממ זי אן ביי דער באָק) אזא שעהנע מויד... חלאָפצי, נעמט זי!

(אַלע ווארפען זיך אויף איהר. ר' ישראל וויל זי פערשטעלען).

ר' ישראל:

גרויסער הערר! וואָס ווילט איהר טהון? איהר ווילט אייך פערזינדיגען געגען גאָט? איין אָרים מיידעל איז פערבלאָנדזשע געוואָרען אין וואלד, ווילט איהר זי אונגליקליך מאכען... וואס טויג עס אייך?

דער וואָיעוואָדע:

ע, ביזט א נאר, פערשטעהסט דאָס נישט! ביזט נור פערטיעפט אין געטליכע זאכען, פערשטעהסט דו נישט, אז מען דארף אויך אמאָל זיין א מענש...

ר' ישראל:

נו, האָט איהר וועניג אייערע, איהר זאָלט אייך ביי זיי מענשלען? הרג'ט זי ליעבער, איידער איהר זאָלט זי פעראונגליקען אויף איהר לעבען לאנג!

דער וואָיעוואָדע:

הרג'נען? חלילה! אויף דעם בין איך א מענש מיט געוויסען, איך זאָל נישט הייסען פלוצים א מיידעל הרג'נען פאר גאָר־נישט...

ר' ישראל:

הרג'נען, זאָגט איהר, חלילה, אָבער עפּיס ערגערס ווי הרג'נען,

ווילט איהר, ווייל פֿון הרג'נען וועט אייך גאָר נישט אַרויס־קומען, אָבער אַזוי קענט איהר האָבען אַ ביסיל תענוג — און צוליעב אייער ביסיל תענוג, איז אייך ניחא, אַ מענשליך לעבען צינדרונד צו רייבען?...

דער ערשטער יעגער:

יוד! מיש דיך נישט, ווייל מען פרעגט דיך נישט!

(ווייל איהם אַוועקשטופען).

דער וואַיעוואָדע:

לאָז איהם געמאַך! — און דיר זאָג איך, אַז איך וועל איהר גאָר נישט טהון. דיר צוליעב וועל איך איהר גאָר נישט טהון... הלאַפּצי! לאָזט דאָס מיידעל צורוה...

ר' ישראל:

אַ דאַנק אייך גרויסער הערר פֿאַר אייער גוטסקייט. אָבער מעהר ווי איך דאַנק אייך דאַרפֿט איהר אַליין דאַנקען דעם גרויסען בעשעפֿער פֿון הימעל, וואָס ער האָט אייך אָבגעהיט פֿון זינד, ווייל אַזוי ווי די שלעכטע מחשבה איז נור פֿון אייך אַוועק, וועלען אייך שוין קומען די גוטע מחשבות אָהן מיה...

דער וואַיעוואָדע:

זעהסטו. דו געפֿעלסט מיר... ווען די זאָלסט וועלען, מאַך איך דיך פֿאַר מיין יוד אין הויף...

ר' ישראל:

אַ דאַנק אייך גרויסער הערר פֿאַר אייער חסד! איך קען אָבער נישט פֿערבייטען דעם דיענסט פֿון זיין ליעבען נאָמען מיט דעם דיענסט פֿון אַ בשר־ודם. איך דאַרף אויך נישט אייערע פֿערדיענסטען, איך האָב קליינע הצטרכות... בפרט טאָר איך נישט אַוועקנעהמען די פּרנסה פֿון אייערם אַ יוד, וואָס לעבט אודאי ביי אייך...

דער וואַיעוואָדע:

איך וויל דיך נישט איבערעדען דאַצו. איך וועל נאָך אפשר

אמאָל קומען רעדען מיט דיר. איך האָב אין דיר געפונען עפּיס מערקווירדיגס, וואָס ציהט מיך צו דיר... ווי הייסט דו איינענטליך?

ר׳ ישראל:

ישראל הייס איך, ווי דער נאָמען פון מיין פאָלק.

דער וואָיעוואָדע:

ישראל איז אַ שעהנער נאָמען. אַזוי האָט יעקב געהייסען נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געראַנגעלט מיט אַ מלאך... ישראל דער נאָטעסהערשער. אפשר וועסטו אויך אַמאָל ווערען אַ הערשער איבער דיין פאָלק, דו זאָלסט זיי קענען אַ ביסיל איבעראָנדערשען...

ר׳ ישראל:

נישט אַ הערשער פון מיין פאָלק ווייל איך ווערען נור אַ לעהרער און אַ וועגווייזער — און אַז השם־יתברך וועט מיך בענליקען און איך וועל די זכיה האָבען, דאָס צו ווערען, וואָס איך וויל, וועט שוין געגוג זיין פאַר מיר.

דער וואָיעוואָדע:

זאָל דיר גאָט געבען, ווי דו ווינשט דיר אַליין.

(דער וואָיעוואָדע און די יעגער אָב).

ר׳ ישראל (דאַוועגט ווייטער):

דער אַלטער גאָט זיצט אויף זיין הייליגען שטוהל
און אַלע מלכים פון דער וועלט און אַלע פעלקער פון דער וועלט
זענען גאָר נישט חשוב אַקעגען איהם —
אַלע מלאכים און אַלע שרפים ואופנים שטעהען פאַר איהם
און ווי אַ מלך בשר־ודם —להבדיל— געוועלטיגט ער איבער אַלעמען,
און זיין גאַנץ טראַכטען און זיין גאַנץ קלערען
איז נור פאַר ישראלין זיין איינציגען זוהן,
וואָס נור אין זיין זכות שטעהט די וועלט.
און ער זיצט און ער צעהלט און ער רעכענט.

ווען די צייט פון זיין ליעב קינד וועט שוין קומען,
ער זאָל איהם קענען אויסלייזען פון גלות,
ער זאָל איהם קענען צוריקברענגען אין זיין לאַנד אַריין —
יענע צייט, וואָס קודשא־בריך־הוא וועט איהם וועלען כבוד אָנטהון
און וועט צוקומען צו דער היילינגער מטרוניתא, צו דער כנסת־ישראל.
ער זאָל זי אויפהייבען און זאָל איהר די האַנד געבען
און זאָל זי אויפשטעלען און צופיהרען צום סוף גלות...
און עס איז דאָ איין אָרט אינים גן־עדן של מטה,
בעהאַלטען און פערבאָרגען און נישט בעקאַנט,
און גע[illegible]יקט איז דער אָרט אין פערשיעדענע פאַרבען,
און בעהאַלטען זענען אין איהם טויזענדער זילבערנע פּאַלאַצען —
און קיינער קומט נישט דאָרט אהין, נור משיח,
וואָס וואוינט תמיד אין גן־עדן...

(פויזע)

אין דער צייט ווען קודשא־בריך־הוא געדענקט זיינע קינדער,
פאַלען צוויי טרערען זיינע אין ים־הגדול אַריין.
דאַן עפענען זיך די שערי רחמים אין הימעל,
און דער מענש שטאַרקט זיך און וואַרפט זיין בטחון אויף גאָט,
און זיין נשמה גיסט זיך אויס אין אַ תפלה צו זיין בעשעפער,
און עס גע[illegible] איהם אַוועק דאָס שווערע פּינים לעבען,
זיינע צרות און זיינע יסורים.
וואָרען ווער עס פערגיעסט טרערען בשעת תפלה,
איז נישט דאָ קיין טויער, וואו די תפלה זאָל נישט דורכדרינגען,
ווייל אַ תפלה מיט טרערען געהט קיינמאָל נישט לעער אויס,
תמיד מוז זי ווירקען, תמיד מוזען טרערען פּועל'ן.

(חנה קריכט אַרויס פון דער הייל. ר' ישראל דערזעהט זי).

ר' ישראל:

ביזט נאָך דאָ?

חנה:

וואו דען זאל איך זיין? קען איך דען אזוי שנעל פערלאזען דעם א. ט. וואו דו געפינסט דיך?

ר׳ ישראל:

ווער ביזטו און וואס טהוסטו דא אין די בערג?

חנה:

איך בין א שוועסטער פון ר׳ גרשון קיטיווער, מיין טאטע האט געהייסען ר׳ אפרים קיטיווער. און איך קום דא אהער יעדען טאג, איך זאל דיך קענען זעהן...

ר׳ ישראל (דערשראקען):

מיך זעהען ווילסטו? רעד קלארער, איך בעט דיך! וואס ווילסטו אייגענטליך פון מיר?

חנה:

גאר גישט וויל איך פון דיר... איך וויל נור די זכיה האבען, געבען דיר צו שטעהען!

ר׳ ישראל:

וואס רעדסטו? ווי רעדט עפיס א מיידעל אזוינע דבורים?

חנה:

דו ביזט מיין חתן!

ר׳ ישראל:

איך ווייס גאר גישט דערפון!

חנה:

יוען דו ביזט נאך געווען א בעלפער ביי אונז אין שטעדטעל און האסט געפיהרט די קינדער אין שיהל אריין צו מנחה־מעריב, נאכזאגען מיט זיי „אמן יהא שמה רבא״ און דו האסט א טייל פון דיין פרומקייט אראבגעגעבען פאר זיי, האט מיין טאטע זכרונו־לברכה

גענאָגט, אַז מיט דיינע תפלות עפֿענסט דו די טויערן פֿון גן־עדן און האָט זיך געוואונשען פֿאַר מיר אַזאַ חתן ווי דו ביזט...

ר׳ ישׂראל:

אָבער מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געוואונשען אַזאַ חתן, האָב איך נאָך נישט אויף מיר קיין שום חוב!

חנה:

ער האָט איבער־געלאָזט אַ צואה, אַז „ישראל בן אליעזר" מוז זיין מיין חתן!

ר׳ ישׂראל:

האָט דיין טאַטע נישט געקענט מיינען איין אַנדערן ישראל בן אליעזר?

חנה:

ניין! ער האָט נור דיך געמיינט!

ר׳ ישׂראל:

ווייסט נאָך עמיצער פֿון דיין טאַטען׳ס צואה חוץ דיר?

חנה:

חוץ אונזער קהל׳ס שרייבער ווייסט נישט פֿון איהר קיין מענש, אפֿילו מיין ברודער ווייסט פֿון איהר אויך גאָר נישט.

ר׳ ישׂראל:

ווי קומט דער קהל׳ס־שרייבער צו דיין טאַטען׳ס צואה?

חנה:

איך האָב זי איהם געהייסען אויפֿשרייבען אין נאָמען פֿונ׳ם טאַטען...

ר׳ ישׂראל:

און וואו געפֿינט זי זיך ערגיץ אַצינד דיין טאַטען׳ס צואה?

חנה:

אָט האָב איך זי ביי מיר.

(זי נעמט אַרויס אַ פּאַפּיער פֿון קעשענע. ר׳ ישראל וואַרפֿט דאַרויף אַ בליק און בעהאַלט עס ביי זיך).

ר׳ ישראל:

הער אוים, איך וועל דיר העלפען האלטען דיין טאטען׳ס צוואה... איך האב נור איין בעדינג צו דיר...

חנה:

זאג, וואס פאר א בעדינג און איך וויל דיך אלסדינג פאלגען. בלינד וועל איך דיר נאכגעהן. איך וועל נישט פרעגען פאר־וואס און צו־וואס, נור וואס דו וועסט מיר הייסען טהון, וועט זיין ביי מיר היילינג...

ר׳ ישראל:

אויב אזוי, וויל איך, דו זאלסט מיך פון אצינד אן נאר נישט קענען, דו טארסט נאר נישט וויסען פון מיין נאמען. מיט דיין טאטען׳ס צוואה אין דער האנד וועל איך קומען צו דיין ברודער — און אז דיין ברודער וועט דיך מיר געבען, מוזטו מיט מיר טיילען צרות און דחקות. אהן א שום שאלה מוזטו מיר נאכגעהן, וואו איך וועל דיך פיהרען...

חנה:

בלינד וועל איך דיך אלסדינג פאלגען. וואס דו וועסט מיר הייסען, וועל איך טהון. איך וועל נישט פרעגען און וועל אויך נאר נישט וועלען וויסען...

ר׳ ישראל (ווי פאר זיך):

יעדער ענין, וואס ערוועקט זיך אין׳ם מענש, איז ווי א רמז פון הימעל — און דער מענש דארף דעם רמז פערשטעהן... איך פיהל אויך אצינד, ווי מען איז מיר מרמז. אז דאס איז טאקי מיין זווג...

(צו חנה׳ן) אויב דו בעשטעהסט אויף מיין בעדינג, בעטראכט איך דיך שוין פון איצט אן פאר מיין כלה — און ווען דער הייליגער יעקב אבינו האט געזעהען אונזער מוטער רחל ביי דער ברונע האט ער זי געקושט. האטש ער איז נאך נאר נישט געווען איתנים מען איך — דאכט זיך — אויך אזוי טהון.

(ער בייגט זיך צו צו'ן איהר און גיט איהר אַ קוש. זי פּאַלט איהם צו די פיס).

ר׳ ישׂראל (ווי פאַר זיך):

טרינקען זאָלסטו וואַסער פון דיין אייגענער ברונע,
לעשען זאָלסטו דיין דורשט פון דיין אייגענעם קוואַל...
דיר אַליין זאָל עס געהערען,
אַ פרעמדע זאָל נישט האָבען קיין חלק דאַבּיי...
דיין קוואַל וועט דאַן זיין געבענשט,
דו וועסט האָבען פרייד פון דיין ווייב...
אַ ליעבליכע נאַצעלע, פול מיט חן,
פון איהר ליעבע זאָלסטו תמיד חלומ'ן...

(ער קושט זי נאָך אַמאַל).

חנה:

לאָז מיך קושען דעם שטויב פון דיינע פיס...

ר׳ ישׂראל:

שטעה אויף און געה אַהיים און וויז דיך נישט מעהר פאַר מיר דאָ, ביז איך וועל נישט קומען צו דיין ברודער, ער זאָל מקיים זיין דיין טאַטען'ס צואה...

חנה (נעמט אַרום זיינע פיס):

וואָס דו הייסט טהון, וועל איך דיך פאָלגען!

(פאָרהאַנג פאַלט).

צווייטער אקט.

ביי ר׳ גרשון קיטיוועד. ר׳ גרשון זיצט ביים טיש און קוקט אריין אין א ספר. שרה־מלכה זיצט און שטריקט א זאָק. זי איז אָנגעטהון אַ בריל און ווען זי דערט נעמט זי יעדעס מאָל אַראָב די בריל. — דאָס צימער איז ר׳ גרשון׳ס לערן־צימער. ביי די וועגד זענען גרויסע פאָליצעס מיט ספרים.

שרה־מלכה (נעמט אַראָב די בריל):

ווייסטו, רבי, עס געפעלט מיר נישט. וואָס דיין חנה מאַכט זיך יעדען טאָג א גאַנג־וועגעלע אויף עטליכע שעה און איך ווייס נישט, וואוהין זי געהט.

(טהוט אָן צוריק די בריל און שטייקט ווייטער).

ר׳ גרשון (קוקט נישט ארויס פונ׳ם ספר):

דאַרפסט טאַקי, הייסט עס, אַכטונג געבען אויף איהר.

(פויזע).

שרה־מלכה (נעמט אַראָב די בריל):

הייסט מיר אַכטונג געבען? איך פערשטעה דיך גאָר נישט. ביזט דאָך אַ ברודער איהרער...

(טהוט אָן צוריק די בריל און שטריקט ווייטער).

ר׳ גרשון (קוקט נישט אַרויס פונ׳ם ספר):

אַכטונג געבען אויף אַ מיידעל איז עפּיס נישט קיין מאַנסבילישע זאַך. דיך וועט זי גיכער פאָלגען...

(פויזע).

שרה־מלכה (ווי אויבען) :

וויַיסטו, רבי, דאַכט זיך מיר, אַז דו אַלס ברודער וועסט זי ניכער קענען אַנטויסר'ן . . .

ר' גרשון (ווי אויבען) :

אַ רגע לאָזט זי מיך נישט במנוחה, לאָזט מיך נישט אפילו אַריַין־קוקען אין אַ ספר . . .

(פויזע).

שרה־מלכה (ווי אויבען) :

וויַיסטו, רבי, זיַיט אַ דריַי־פיִער סאָג זיצט זי אפילו אין שטוב. נור איהר זיצען אין שטוב געפעלט מיר עפּים אויך נישט . .

ר' גרשון (ווי אויבען) :

נאָר נישט געפעלט דיר ! געהט זי אַוועק, געפעלט דיר נישט. זיצט זי אין שטוב, געפעלט דיר אויך נישט . . .

(פויזע).

שרה־מלכה :

וויַיסטו, רבי, פאַר־וואָס איהר זיצען אין שטוב געפעלט מיר נישט ? וויַיל זי זיצט און קיקט אַרוים אַ גאַנצען טאָג דורך'ן פענסטער. . .

ר' גרשון :

פערהענגט מען דאָס פענסטער . . .

(פויזע).

שרה־מלכה :

וויַיסטו, רבי, וואָס איך וועל דיר זאָגען ? מענסט פאָרט מיט איהר רעדען אַ פּאָר ערנסטע ווערטער . . .

ר' גרשון :

אַז דו ווילסט דוקא, קענסטו זי אַריַין־רופען . . .

(שרה־מלכה אב. ר' גרשון איז פערטיעפט אין לערנען. דערווייל קומען אַריַין שרה־מלכה און חנה. נור ר' גרשון בעמערקט זיי נישט).

שרה-מלכה:

אָט האָסטו דיר דיין שוועסטער'ל...

ר' גרשון (הערט נישט און רעדט צו זיך אליין):

קען איך דאָך נישט זאָגען, אַז דאָ איז עפּיס שלא כדין. וואָרען אדרבה, אַזוי ווי זי טהוט, אַזוי איז טאַקי רעכט...

שרה-מלכה:

דיר איז רעכט? מיר איז די זאַך גאָר נישט רעכט!

ר' גרשון (חאַפּט זיך אויף):

וואָס? דו האָסט אַ בעסערן פּשט?..

שרה-מלכה:

איך וואָלט געמיינט, אַז מען דאַרף איהר התנה מאַכען...

ר' גרשון:

וואָס רעדסטו פון התנה מאַכען? זי וועט דאָך אָנוועהרען די ירושה...

שרה-מלכה:

ווייסטו, רבי, איך וואָלט איהר די ירושה אויך גענעבען! לאָז זי נעהמען!...

ר' גרשון:

וואָס הייסט, דו וואָלסט איהר גענעבען? דער דין איז דאָך גאָר אנדערש! קענסט אפשר בעסער לערנען פון מיר?

שרה-מלכה:

ווייסטו, רבי, איך שמועס דאָך נישט מיט דיר וועגען לערנען...

ר' גרשון:

וואָס דען מישט דו דיך דאָ אַריין?

שרה-מלכה:

ס'איז דאָך דיין שוועסטער — טאָר איך מיך אויך נישט מישען?

ר׳ גרשון :

יאָ, ווי קומט מיין שוועסטער צו יענער ירושה

שרה-מלכה :

וואָסערע ירושה ? פון וואָס רעדסט דו ?

ר׳ גרשון :

דול מיך נישט מיט דיין ווייבערישען מוח !

שרה-מלכה (צו חנה) :

אָט האָסטו, גערעדט מיט דיין ברודער, אַז ער ווייסט גאָר נישט, פון וואָס מען רעדט מיט איהם ! ...

ר׳ גרשון :

אַה, זי מיינכט דו ? (צו חנה׳ן) יאָ, עפּיס איז די רביצין מתרעם אויף דיר, עפּיס זאָגט זי, נעהסטו אַרום קוקען אין די פענסטער אַ גאַנ־צען טאָג ...

שרה-מלכה :

ווייסטו, רבי, נישט אַזוי האָב איך געזאָגט ... איך האָב נור געזאָגט, אַז זי געדיט זיך אַוועק יעדען טאָג אויף עטליכע שעה און אַצינד זייט עטליכע טאָג זיצט זי כסדר און קוקט אין פענסטער אַ־ריין ...

ר׳ גרשון :

לאָז זיין אַזוי, ווי דו זאָגסט ... נו, מויד ! האָסט געהערט, וואָס די רביצין זאָגט ?

חנה :

איך טהו דאָך גאָר נישט ! פריהער האָב איך געפּלעגט געהן צו שכנים, אַצינד איז מיר סקוטשנע, זיץ איך און קוק אַרוים פונ׳ם פענסטער ...

ר׳ גרשון :

יאָ, אַרויס-קוקען פונ׳ם פענסטער איז טאַקי נישט קיין עבירה, וואָרען אויך די אייגענע מעשה: המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו

ווען איינער גערט אונטערוועגנס און לערנט און איז מפסיק אינ'ם לער־נען, ואומר מה נאה אילן זה, און זאגט ווי שעהן איז אט דער בוים, איז ער טאקי חייב מיתה. אבער דא איז דאך די מעשה מיט א מיידעל, וואס טאר גאר נישט עוסק זיין בתלמוד תורה, וואלט זי דאך אפילו געמעגט זאגען: „מה נאה אילן זה!" — הערסטו, רביצין, שאדט גאר נישט! זי מעג ארויס־קוקען, וויפיל זי וויל... נישטא קיין שום איסור!

שרה־מלכה:

ווייסטו, רבי, מיר דאכט זיך, אז דו ווייסט נישט, וואס דו רעדסט...

ר' גרשון (ווערד בייז):

אזוי גאר? נו, שיק'זשע זיי מוחל פרעגען ביי וועלכען רב דו ווילסט, וועסטו זעהען, צי א מיידעל מעג נישט ארויס־קוקען דורכ'ן פענסטער...

ר' בער (קוממ אריין):

רבי! עפיס א דארפס־יונג וויל אייך זעהן. ער זאגט, אז ער דארף מיט אייך נייטיג שמועסען...

ר' גרשון:

נו, לאז איהם אריין!

(ר' בער אב, ר' ישראל קוממ אריין).

ר' ישראל:

א גוטען מארגען אייך, קיטיווער רב! קען איך אפשר מיט אייך עפיס שמועסען צווישען פיער אויגען?...

ר' גרשון:

שלום עליכם! פון וואנען איז א יוד?

ר' ישראל:

איך בין א דארפישער. איך וואוין דא נעבען שטעדטיל און האב מיט אייך צו רעדען וועגען נאר א וויכטיגען ענין...

ר׳ גרשון:

נו, קענסט זאָגען, וואָס דו ווילסט. די ווייבער דאָ זענען נישט קיין פרעמדע, איינע איז מיין ווייב און די אנדערע איז מיין שוועסטער...

ר׳ ישראל:

ווען עס זענען אפילו נישט קיין פרעמדע, קען איך אייך אויך נישט זאָגען, וואָס איך דאַרף. כל־זמן עס געפינט זיך אין שטוב נאָך איין אויער אפילו, חוץ אייך...

ר׳ גרשון:

נו, אויב אַזוי, ווייסט איהר וואָס ווייבער. געהט׳ס אַ ביסעל אַרויס. דער ייד האָט מיר צו זאָגען אַ סוד...

(שרה־מלכה און חנה אָב).

ר׳ ישראל:

איהר הייסט ר׳ גרשון קאָטיוועך? אייער טאַטע האָט געהייסען ר׳ אפרים און אייער שוועסטער הייסט חנה?

ר׳ גרשון:

יאָ, נור וואָס איז דאָס שייך צום סוד?

ר׳ ישראל:

אויב אַזוי, זאָלט איהר וויסען, אַז איך בין אייער שוועסטער׳ס חתן – לויט אייער טאַטען׳ס צוואה...

ר׳ גרשון:

וואָס פאַר אַ צוואה?

ר׳ ישראל:

די צוואה, וואָס אייער טאַטע האָט איבערגעלאָזט...

ר׳ גרשון:

מיין טאַטע האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה — און פון וואַנען ווייסט דו פון איהר?

ר' ישראל:

ווייל די צואה איז נוגע צו מיר און צו'ן אייער שוועסטער...

ר' גרשון:

איך פֿאַרשטעה נישט, רעד אַ ביסיל קלאָרער!

ר' ישראל:

וואָס איז דאָ קלאָרער צו רעדען? לייענט'ס אַליין, זייט מוחל, די צואה, וועט איהר זעהען, וואָס עס שטעהט אין איהר...

ר' גרשון (נעמט די צואה, לייענט אַ ביסיל אונטער דער־דערנאָך הויך):

והפצי, כי בתי חנה שתחי' תהיה לאשה להבחור ישראל ב"ר אליעזר שיחי' (ברומט ווייטער עפּיס שטילערהייד, דערנאָך הויך) אויב אַזוי, ווילסטו טאַקי, איך זאָל דיר געבען מיין שוועסטער...

ר' ישראל:

איך וויל, איהר זאָלט מקיים זיין אייער טאַטען'ס צואה...

ר' גרשון (רופט ביי דער טהיר):

רביצין, זייזשע מוחל, איך האָב מיט דיר עפּיס צו שמועסען...

(שרה־מלכה קומט אַריין מיט'ן זאָק אין דער האַנד)

הער אַ מעשה, דער בחור דאָ האָט אַ צואה פֿון מיין טאַטען ז"ל, איך זאָל איהם געבען מיין שוועסטער פֿאַר אַ ווייב...

שרה־מלכה:

פֿון וואַנען האָט איהם דיין טאַטע געקענט?

ר' גרשון:

טאַקי אַ גוטע שאלה, פֿון וואַנען האָט דיך מיין טאַטע ז"ל געקענט?

ר' ישראל:

דאָס ווייס איך אַליין אויך נישט!

ר׳ גרשון:

אין דער צואה שטעהט בפירוש, אז חנה זאל זיין דאס ווייב פון הבחור ישראל ב״ר אליעזר...

שרה־מלכה:

אבער פון וואנען און ווי אזוי קומט די צואה צו איהם?

ר׳ גרשון:

טאקי א גוטע שאלה. פון וואנען און ווי אזוי קומט די צואה צו דיר?

ר׳ ישראל:

די צואה האב איך בעקומען, וואו קען איך אייך נישט זאגען... איהר דארפט נור דערקענען, צי זי איז געשריבען פון אייער טאטען׳ס סופר...

ר׳ גרשון:

האסט רעכט! איך דערקען טאקי דאס כתב פון מיין טאטען׳ס סופר...

שרה־מלכה:

אויב אזוי, ווייסטו דאך בעסער פון מיר, וואס דער פסוק זאגט: „נקרא לנערה ונשאלה את פיה". לאמיר ארויף־רופען הנה׳ן און לאמיר זי פרעגען, צי זי וויל...

ר׳ גרשון:

וואס זאגסטו עפיס, איך זאל זי פרעגען? וואס וועל איך עפיס איינפיהרען ביי מיר א מנהג פון לבן הארמי? ביי אונז יודען פרעגט מען נישט ביי מיידליך קיין דעות. אויף דעם בין איך איהר עלטערער ברודער...

ר׳ ישראל:

איהר וועט מיר מוחל זיין, איך וויל, איהר זאלט אייער שוועסטער דוקא יא פרעגען, ווייל טאמער וויל זי נישט, בין איך פון מיין צד מוחל.

ר׳ גרשון:

זעהסט, אז דו ווילסט אליין, וועל איך זי שוין יא פרעגען.

(רופט אריין חנה׳ן. חנה קומט אריין).

ר׳ גרשון:

קוק ניר, מויד! דעם בחור דא האט דער טאטע ז״ל בעשטימט פאר דיינעטוועגען פאר א מאן. האסט דא וועגען דעם א בפירוש׳ע צואה זיינע. איך וויל דיך אבער פריהער פרעגען, צי דו ווילסט איהם?

חנה:

אז דער טאטע ז״ל האט געהייסען, האט ער אודאי בעסער פערשטאנען פון מיר...

ר׳ גרשון:

אויב אזוי, מוז איך אויך געבען מיין הסכמה... (צו חנה׳ן) נו מויד, קענסט שוין געהן ציריק אין דיין חדר. נור אפשר וואלסטו אונז פריהער אריין־געבראכט א ביסיל בראנפען מיט פערבייסען, וועלען מיר טרינקען אויף קיום מצות המת...

(חנה אב און ברענגט בראנפען און פערבייסען).

ר׳ ישראל:

מיר וועט איהר מוחל זיין, איך קען נישט טרינקען. איך האב נאך נישט געדאווענט...

ר׳ גרשון:

וואס הייסט, דו האסט נאך נישט געדאווענט? האסט דאך עובר געווען זמן קריאת־שמע...

ר׳ ישראל:

עובר זיין זמן קריאת־שמע, דאכט זיך מיר איז גאר נישט מעגליך. מיינט איהר דען אפשר, אז כביכול זיצט מיט א זייגער אין דער האנד און מעסט אב געניי די רגע, ווען יודען דארפען איהם מיחד זיין?

ר׳ גרשון:

וואָס פֿאַר אַ דבורים זענען דאָס? ביזט דאָך עפּיס אַ מלגלג על דברי הכמים... האָסט ניט געלערנט: „מאימתי קורין את שמע בשהרית, עד ג׳ שעות,״ ביז דריי שעה אויף טאָג... אַ פּירוש׳ע גמרא! האָסט פֿערגעסען?

ר׳ ישראל:

שטעהט טאַקי ווייטער: „מכאן ואילך כקורא בתורה,״ נו און, זאָגען גלאַט אַזוי „שמע ישראל,״ גלייך ווי מען איז אַ קורא בתורה איז ביי אייך אַ קלייניגקייט?

ר׳ גרשון:

האָסט שוין האָסט געדאַוונט פֿון פֿאַרענט און געזאָגט קליינך קריאת־שמע, אויף יוצא צו זיין מצות קריאת־שמע?

ר׳ ישראל:

איך האָב נאָך היינט גאָר ניט געדאַוונט קיין וואָרט — און אויף יוצא צו זיין טהו איך בכלל גאָר ניט... מיין קריאת־שמע איז גאָר איין אַנדערע ווי אייערע... איהר זאָגט עס, ווייל ס׳איז אַ חוב צו זאָגען און איך זאָג עס, ווייל איך פֿיהל איין אינערליכען מוז. איהר מוזט האָבען אַ בעשטימטע שעה, בעשטימט פֿון אַנדערע, אויף מקיים צו זיין אייער חוב, אָבער איך בעשטים מיר אַליין די צייט, ווען עס קומט מיר אָן דאָס אינערליכע געפֿיהל.

ר׳ גרשון:

איך וויל אַצינד נישט האָבען מיט דיר קיין וכוחים. וואָס לענגער איך רעד מיט דיר, ווערד אַלץ שפּעטער און דו ועסט שוין על פּי דין נישט יוצא זיין אַפּילו שמונה־עשרה... געה שוין ליעבער אריין דרינען אין חדר שני און דאַווען...

ר׳ ישראל:

אַזוי גיך ווי איהר מיינט, געהט דאָס נישט ביי מיר. איך דאַרף

נאָך פריִער ריינינען מיינע מחשבות און מיך צוגרייטען צו עבודת־הבורא. נישט אַזוי גרינג ווי עס זאָגט זיך. קען דער מענש מצמצם זיין די מחשבות זיינע צו דעם איינעם פונקט, ער זאָל זיך קענען אַנידער־שטעלען, אָבגעבען אַ שבח פאַר זיין בעשעפער . . .

ר׳ גרשון (נעמט זיך אַריין־קוקען אין אַ ספר):

נו, טהו שוין וואָס דו ווילסט און ווי דו פערשטעהסט . . .

(ר׳ ישראל אַב. ר׳ גרשון פערטיעפט זיך אין לערנען און חנה קומט אַריין).

ר׳ גרשון (בליקט אויף פונ׳ם ספר):

דיין בחור איז אַריין־געגאַנגען דרינען דאַווענען . . . אַצינד קומט איהם ערשט אוים צו קלערען וועגען דאַווענען . . .

(שרה־מלכה קומט אַריין).

ר׳ גרשון:

וואָס זאָגסטו נור, רביצין, צו דעם טייערן חתן, וואָס חנה בעקימט...
אַצינד, שוין באַלד מיטאָג, געהט ער ערשט דאַווענען. דערצו זאָגט ער, מוז ער נאָך פריהער האָבען כוונות . . .

חנה:

אַז דער טאַטע ז״ל האָט איהם אויסגעקליבען פאַר מיין חתן, האָט ער אַודאי געוואוסט, וואָס ער טהוט . . .

שרה־מלכה:

אָבער דו וואָס זאָגסט?

חנה:

איך בין דאָך ביי מיין ברודער אין רשות — און אַז ער וויל ברעכען דעם טאַטען׳ס צואה, וועל איך אויך מוזען בעשטעהען.

ר׳ גרשון:

ברעכען דעם טאַטען׳ס צואה? פון דעם שמועסט מען נאָך נישט!

ר׳ בער (קומט אריין):

רבי! דער ראש־הקהל האָט אײַך געשיקט רופֿען. איהר זאָלט קומען אין קהל־שטובעל וועגען דער שאלה פֿון דער עגונה... (אב)

ר׳ גרשון:

אָט גײה איך! (צום ווייב) אז ער וועט האבען געדאווענט, וועסט איהם געבען צו עסען...

(טהוט זיך אָן און געהט אוועק).

שרה־מלכה:

זעהסטו, חנה, אפשר וואָלסטו געגאנגען אקאָרשט א קוק טהון, וואס דער בחור דײַנער טהוט...

חנה:

ער דאַווענט נאָך אוודאי נישט, ווײַל אז ער וועט דאַווענען, וועלען מיר הערען...

שרה־מלכה:

פֿון וואַנען ווײסטו דאָס?

חנה (פֿערלעגען):

עס ווייזט זיך מיר אַזוי אוי״ס!...

(פֿון דער אנדערער שטוב הערט זיך ר׳ ישראלים קול):

ווי טײַער איז דײַן גנאָד, אָ גאָט,
די מענשען שיצען זיך אין שאָטען פֿון דײַנע פֿליגעל,
זיי זעטיגען זיך פֿונים פֿעטען פֿון דײַן הויז,
דו גיסט זיי צו טרינקען פֿון דײַן גן־עדן־טײַך.
מיט דיר איז די קוואַל פֿונים לעבען,
אין דײַן ליכטיגקייט זעהען מיר דאָס ליכט.
פֿערשפּרייט דײַן גנאָד אויף די, וואס קענען דיך,
און דײַן גערעכטיגקייט פֿאַר די גערעכטע הערצער.

שרה־מלכה:

א, הער נור, ווי שעהן ער דאווענט דער בחור דיינער...

(ר׳ ישראל קומט אריין פערטיעפט אין דאווענען און זעהט גאר נישט, וואס עס טהוט זיך ארום איהם):

בעשאפען האט ער זיך דיענער —
און זיינע דיענער שטעהען אזוי הויך...
אלע זענען זיי געליעבט, אלע זענען זיי נעקליבען,
אלע זענען זיי שטארק און פעסט —
און אלע טהון מיט אימה און מיט יראה,
וואס דער בעשעפער הייסט זיי טהון...
אלע עפנען זיי די מיילער מיט הייליגקייט און ריינקייט,
מיט געזאנג און מיט לויב,
צו ריהמען, צו דערהויבען, צו הייליגען
דעם נאמען פונ׳ם גרויסען, שטארקען און פורכטבארען קעניג.
עול מלכות שמים זענען זיי אויף זיך מקבל
און געבען רשות איינער דעם אנדערן,
צו הייליגען זייער בעשעפער מיט שטילער אונטערטעניגקייט.
און מיט א ריין זיס לשון שרייען זיי אלע אין־איינעם:
קדוש, קדוש, קדוש ה׳ צבאות...
און די אופנים און די הייליגע חיות הייבען זיך אויף מיט א גרויסען רעש
און צוזאמען מיט די שרפים שרייען אלע:
ברוך כבוד ה׳ ממקומו...

(ביי די לעצטע ווערטער קומען אריין יודען און ווערען מיטגעריסען מיט־צוזאגען: קדוש, קדוש, קדוש ה׳ צבאות... ברוך כבוד ה׳ ממקומו... צווישען די אריין־געקומענע איז אויך אלעקסי).

אלעקסי (צו דער רביצין):

ווער איז דאס דער יונגער מאן? ער דאווענט דאך אזוי שעהן,
אז איך וואלט באלד איהם צוליעב געווארען א יוד...

שׂרה־מלכה:

ס'איז חנה'ס חתן...

איינער פֿון די יודען:

וואויל איז דער שטאָדט, וואָס האָט די זכיה, צו האָבען ביי זיך אַזאַ ליכט...

אָלעקסי:

דער רבי האָט שוין אויסגעקליבען אַ גוטען חתן פֿאַר זיין שוועסטער...

(ר' ישראל הערט נישט, נור געהט אַריין אין אַנדערן צימער, דאַווענדיג שטיל. דאַן קומט ער אַריין אָהן'ם טלית).

ר' ישׂראל:

עפּים האָב איך היינט נישט געקענט מיחד זיין מיין כונה אין דאַווענען און האָב געמוזט מקצר זיין...

שׂרה־מלכה:

ביזט אַודאי הינגעריג, האָסטו נישט געהאַט קיין כח צו דאַווענען. ס'איז שוין טאַקי אמת'דיג שפּעט...

ר' ישׂראל:

צו דאַווענען איז קיינמאָל נישט שפּעט... ווען דער מענש בעקומט חשק און פֿיהלט די רגע, אַז ער קען ריינינגען זיין מוח פֿון אַלע זייטיגע מחשבות, דאַמאָלס דאַרף ער זיך אַנידערשטעלען בעטען פֿאַר זיין גאָט...

(די יודען געהען צו און געבען איהם אָב „שלום־עליכם" איינער נאָכ'ן אַנדערן).

אָלעקסי:

ווילסט אויך אָננעהמען די האַנד פֿין אַ גוי?

ר' ישׂראל:

אַז דער מענש איז ערליך אין זיינע מחשבות, קוק איך נישט אויף זיין אמונה. (גיט איהם די האַנד).

איינער פֿון די יודען:

זייט מוחל, יונגער מאַן, איך וויל אייך עפּיס פֿרעגען. איהר האָט פֿריהער געזאָגט, אַז ווען דער מענש פֿיהלט אין זיך, אַז ער קען ריינינגען זיין מוח פֿון זייטיגע מחשבות, קען ער זיך דעמילט אַנידער־שטעלען דאַווענען. וויל איך אייך פֿרעגען, וואָס מען טהוט אין אַזאַ אופֿן מיט קריאת־שמע בזמנה?

ר׳ ישראל:

אין דער רגע, ווען דאָס האַרץ פֿיהלט, אַז עס דאַרף זיך אויסגיסען פֿאַר זיין ליעבען נאָמען, דאַרף עס נישט קיין דינים און עס טאָר זיך נישט לאָזען בינדען פֿון קריאת־שמע בזמנה. ס׳איז אַ משל ווי ביי אַ מלך בשר־ודם. דער פֿרעמדער האָט אַ בעשטימטע שעה, אויף צו קומען צום מלך. אין איין אַנדערער שעה טאָר ער עס נישט טהון. אָבער די אייגענע הויף־לייט, די וואָס זענען נאָהנט צום מלך, די מעגען צוקומען יעדע מינוט, ווען זיי פֿיהלען נור דעם צורך...

שרה־מלכה:

ווייסטו, בחור, וואָס איך וואָלט דיר געזאָגט?... די יודען דאָ זענען אַלע בעלי־מלאכות און דו מאַכסט דיר נור דאָס מויל קאַליע פֿאַר זיי... נעה אַצינד עסען און זעה, ווען דער רבי וועט אַהיים־קומען, דו זאָלסט איהם ווייזען עפּיס אין לערנען...

ר׳ ישראל:

זענען די יודען טאַקי בעלי־מלאכות? גוט, וואויל! יודען! טאַקי מיט אייך וויל איך מיך בעקענען... די לערנערס האַלטען זיך ווייט פֿון אייך און איך וויל מיך צו אייך צונעהנטערן. איך בעט אייך איבערדעם, קומט׳ס טאַקי אַהער אַ ביסיל שפּעטער, ווייל איך וויל אייך זאָגען אַ ביסיל מוסר... איך בין אַ פּשוט׳ער יוד מיט אַ יודיש האַרץ און איך האָב אייך ליעב... די לערנערס האַלטען זיך שטאָלץ אַקעגען אייך, אָבער איך האַלט אייך פֿאַר׳ן יסוד פֿון דער יודישער אומה.

שרה־מלכה (האקט איבער):

זעהסטו, ווילסט מיר מאכען א שניידעריש קליידעל פון מיין שטוב, געפעלט עס מיר עפים נישט...

ר׳ ישראל:

נישט קיין שניידעריש קליידעל וויל איך מאכען פון איער שטוב, נור איין ארט, וואו ארימע יודען, וואס מוזען א גאנצען טאג שווער הארעווען אויף א שטיקעל פרנסה, זאלען קענען אמאל אריין־קומען הערען א גוט ווארט... איך וויל עס זיי זאגען אויף אזא אופן, יעדער זאל עס פערשטעהען. נישט קיין הויכע דבורים וויל איך צו זיי רעדען, נור פראסטע ווערטער, א יודענע אפילו אדער א קינד זאל אויך קענען משיג זיין, וואס איך מיין...

אלעקסי:

און א גוי וועט דיך אויך פערשטעהען?

ר׳ ישראל:

אויב ער וועט נור וועלען, וועט ער אודאי אויך פערשטעהן...

איינער פון די יודען:

אויב אזוי גיב איך איין שוין אב א „יישר־כח" און מיר וועלען זיך טאקי סטארען, מיר זאלען קענען אהער־קומען יעדען טאג...

(אלע אב).

שרה־מלכה:

זעהסטו, בחור, דער רבי מיינער זאל לעבען האט די אלע פארשוינען פיינט!

ר׳ ישראל:

וואס? ר׳ גרשון קיטיווער האט פיינט א יוד, ווייל ער איז נישט קיין למדן? אה, איך גלויב עס נישט! וואס זענען דען די מענשען שולדיג, אז זיי האבען נישט געהאט דעם כח, זיי זאלען ווערען לערנערס?

שרה־מלכה:

זעהסטו, בחור, דער רבי מיינער זאגט, אז אזוינע פארשוינען דארפען זיך האלטען ביי זייער מלאכה און נישט קריכען, וואו מען רופט זיי נישט... זיי קענען אמאל בעדינען דעם תלמיד־חכם, זיין ביי איהם א פיסען־בענקעלע, אבער מעהר קיין שייכות האבען זיי מיט איהם נישט...

ר' ישראל:

חס ושלום! איך בין לגמרי נישט מסכים צו אזוינע דבורים. יעדער דינט גאט, מיט וואס ער איז בכח. איינער איז א לערנער דינט ער זיין ליעבען נאמען מיט לערנען, איינער איז א שניידער דינט ער זיין ליעבען נאמען מיט שניידעריי...

שרה־מלכה:

זעהסטו, בחור, רעדסט עפיס ווי א משוגענער. ווי קען מען גאט דינען מיט שניידעריי?

חנה (שפרינגט אויף):

ניין! ס'איז זעהר גרוים, וואס דו האסט געזאגט. מען קען גאט דינען אפילו מיט שניידעריי!...

שרה־מלכה:

אט האסטו ווייטער זי! זי ווייסט אויך עפיס... נו, ארדבה, זאג דו, ווי אזוי מען קען גאט דינען מיט שניידעריי!

ר' ישראל:

זעהט איהר, רביצין, דאס איז שוין נישט אזוי שווער צו פערשטעהן. גאט דינען הייסט נישט, ארייגלעגען חכמות אין אויסטייטשען גאט'ס תורה, נור עס הייסט, דער שם־שמים זאל נישט אראבגעהן פון דער מחשבה. נו, האט איהר שוין געזעהען, ווי א שניידער נעמט זיך נייהען א מלבוש? האט איהר שוין געהערט, ווי ער ריהרט זיך נישט אהן גאט'ס נאמען?... אז גאט וועט וועלען, זאגט ער, וועט מען מארגען געהמען דאס מלבוש צו דער מאס. אז גאט וועט העלפען קען דאס

מלבוש מארגען פערטיג זיין . . . דער שם־שמים נעהט נישט אראב פון זיין מחשבה — און דאס איז שוין א דרך אין נאט־דינען . . .

ר׳ גרשון (קומט אן):

וואס זענען די רבותים ?

שרה מלכה:

דער בחור דיינער וויל ווערען א מגיד ביי די עמי־הארצים אין שטאדט !

ר׳ גרשון:

אזוי נאר ?

ר׳ ישראל:

איך וויל נישט ווערען ביי זיי קיין מגיד ! איך וויל זיי נור מדריך זיין בדרך הישר און וויל זיי לעהרנען, ווי אזוי יעדער קען קונה זיין חלק לעולם הבא . . .

ר׳ גרשון:

ווילסט זיי געבען עולם הבא אהן תורה ?

ר׳ ישראל:

מעשים טובים און כונת המצות זענען ביי מיר גלייך חשוב ווי לערנען . . .

ר׳ גרשון:

עפים רעדסטו פשוט נור ווי איין עם־הארץ. ווילסט פטרין די תורה מיט מעשים טובים פון גראבע יונגען און זאגסט זיי צו חלק לעולם־הבא אהן לערנען ? האסט אבער פערגעסען, אז כביכול זאגט: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו!“ — הלואי וואלטען זיי באזיי מיך פערלאזט, אבי זיי וואלטען מיין תורה אבגעהיט . . .

ר׳ ישראל:

אויף דעם קען איך אייך ברענגען א ראיה לסתור. געדענקט איהר די משנה: „כל שתורתו מרובה ממעשיו, אין תורתו מתקיימת“—

יעדער וואָס די תורה איז בײַ איהם מעהר ווי די מעשים טובים זײַנע, האָט זײַן תורה נישט קיום.

ר׳ גרשון:

קודם שטעהט נישט „כל שתורתו״, נור „כל שחכמתו מרובה״, דאַן היָט דאָס אויך אײַן אַנדערן פּשט. דאָס מוז מען אַנדערש פֿערשטעהן...

ר׳ ישראל:

איך לערן אַלעס על פּי פּשט...

שרה־מלכּה:

זעהסטו, בחור, און איך מײַן על פּי מײַן פּשט, אַז ווען דו האָסט נאָך הײַנט גאָר נישט געגעסען, ביזטו טאַקי עפּיס נישט מיט אַלעמען...

ר׳ גרשון:

אַזוי? האָסט נאָך טאַקי גאָר נישט געגעסען? ביזטו דאָך נישט בײַם גאַנצען שכל!... געה־זשע טאַקי אַרײַן אין יענעם חדר און עס עפּיס... איך דאַרף דאָ דערווײַל אויפֿשרײַבען אַ שאלת־תשובה וועגען אײַן ענוונה...

(ר׳ ישראל אָב. ר׳ גרשון נעמט זיך אָנשניצען אַ גענוגענע פֿעדער, נעמט אַ גרויסען בויגען פּאַפּיער און זעצט זיך שרײַבען. יעדעס מאָל נעמט ער אײַן אַנדער ספר אויף נאָכצוקוקען. דאַן הייבט ער זיך אויף, געהט עטליכע מאָל אויף און אָב אין שטוב, ברומענדיג עפּיס. אונטער דער נאָז).

ר׳ ישראל (קומט אָן):

געלויבט השי״ת, איך האָב שוין געגעסען. אַ ביסיל וואַרעמס דאָב איך נישט געטרונקען שוין אַ יאָהר פֿינף...

ר׳ גרשון:

פֿינף יאָהר האָסטו שוין נישט געטרונקען קײַן וואַרעמעס? האָסט געהאַט עפּיס אַ סיבה?

ר׳ ישראל:

איך האַלט נישט פֿון סגופֿים. ניי וואַרעמעס האָב איך נישט געטרונקען, ווײַל איך האָב פּשוט נישט געהאַט...

(דער פֿריהערער עולם קומט אָן)

ר׳ ישׂראל:

זָגְט אִיהְר רַבִּי, אִיהְר ווֶעט דָאךְ נִישְׁט בֵּייז זַיין, וואָס אִיךְ האָבּ אַהעֶר פֿערבּעֶטעֶן דעֶם עולם, ווַייל אִיךְ וויל זיי זאָגעֶן אַ בִּיסֶל דברי מוסר . . .

ר׳ גרשון:

מעֶג אִיךְ הערעֶן, וואָס דוּ ווילסט זיי זאָגעֶן?

ר׳ ישׂראל:

אַודאי מעֶגט איהר הערעֶן, ס׳וועֶט מיר פּשוּט זַיין אַ תענוג, אַז אִיהְר ווֶעט ווֶעלֶען הערעֶן . . . (צום עולם:) זעֶהט איהר, רבותים, איך האָבּ געֶהערט, אַז ווַייל אִיהְר זעֶנט נִישְׁט קיין לומדי תורה, האַלט איהר אַייך אין עניוות און איהר גלויבּט נישט אין אַייעֶר אַייגעֶנעֶם ווערט. וויל איך אַייך זאָגעֶן, אַז איהר טהוט נישט גלַייך... דעֶר מעֶנש טאָר בּיי זיך נישט אַראָבּפּאַלעֶן אין דעֶר מדרגה, ווַייל דורך דעֶם עניוות איז זיך דעֶר מעֶנש מתרחק פֿון צוּ דיעֶנעֶן זַיין ליעֶבּעֶן נאָמעֶן. דעֶר ענו וויל נישט גלויבּעֶן, אַז אִיטליכעֶר מעֶנש, עֶס מעֶג זַיין ווער עֶס וויל קעֶן מיט זַיין תפלה משפיע זַיין אויף דעֶר גאַנצעֶר וועֶלט, ווַייל ווען דעֶר מעֶנש גלויבּט אָן זיך און אָן זַיין אַייגעֶנעֶם ווערט, דיעֶנט עֶר זַיין ליעֶבּעֶן נאָמעֶן גאָר אַנדעֶרש. עֶר טהוּט אַלדינג מיט שמחה און איז מדקדק אין יעֶדעֶר תנועה זַיינעֶר און אין יעֶדעֶן וואָרט. דאָס האָבּעֶן אויך אונזעֶרעֶ חכמים געֶמיינט מיט דעֶם מאמר „ענותנותו של ר׳ זכריה החריבה את ביתנו״. דאָס עניוות פֿון ר׳ זכריה האָט חרוב געֶמאַכט דאָס בּית המקדש. בּיי אִיטליכעֶן גאַנג האָט עֶר כסדר געֶקוקט, וואָס לַייט וועֶלעֶן זאָגעֶן. עֶר האָט נישט געֶהאַט קיין צוטרויעֶן צוּ זיך אַליין און האָט אַלץ נור געֶקוקט אויף אַנדעֶרעֶ. דעֶר מעֶנש מוז אָבּעֶר גלויבּעֶן אָן זיך און אָן זַיין ווערט, ווַייל נור אין אַזאַ אופן קעֶן עֶר עפּיס אויפֿטהון, יעֶדעֶר מעֶנש מעֶג מיינעֶן, אַז נור צוליעֶבּ איהם איז די וועלט בּעֶשאַפֿעֶן געֶוואָרעֶן, ווֶעט עֶר דאַן פֿיהלעֶן דאָס גרויסעֶ אחריות פֿון

זײַנע מעשים. ווײַל ער וועט אײַנזעהן, אז מיט אײן קרומען דרך זײַנעם מאכט ער קאַליע אַ וועלט . . .

ר׳ גרשון (שלאָגט איבער):

רעדסט דברים בטלים. הײַנט, מענשען זאָלען ניט האָבען קײן עניוות — און אַ יוד מוז זײַן אײן ענו. אברהם אבינו האָט שוין געזאָגט: „ואנכי עפר ואפר“, משה ואהרן האָבען געזאָגט: „ונחנו מה“. . . און פלוצים קומסט דו אײַנרעדען הוריות. פּראָסטע יודען זאָלען נאָר שטאָלץ ווערען. מילא, אַ תלמיד-חכם מעג נאָך האָבען אַ שמינית שבשמינית גאוה. אָבער אַ פּראָסטע יוד, וואָס קען ניט לערנען? הם מלהזכיר! . . .

ר׳ ישראל:

האָטש איהר זאָגט אַזוי, שטעהט פּאַרט אין „תנא דבי אליהו“, אַז אפילו אײן עבד קען קומען לידי רוח הקודש . . .

ר׳ גרשון (בייז):

תלמוד תורה שטעהט העכער פון אַלעמען. דאָס איז אַ כלל, וואָס מען קען איהם ניט איבעראַנדערשען! . . . נור צו מײַן טאַמען׳ס צוואה איז דער ענין ניט שייך. און אַלע יודען, וואָס זענען אַציַנד דאָ, וועלען טאַקי הײַנט בלײַבען בײַ אונז. ווײַל איך לאָז מײַן שוועסטער ווערען אַ כלה מיט אַט דעם יונגען מאַן. איך זעה, דער בחור איז אַ כלי, ס׳קען פון איהם עפּיס ווערען. ער האָט נור אַ ביסיל איבערגע-דרעהטע געדאַנקען. נאָך דער החתונה וועט ער שוין אַנדערש ווערען, ער וועט נור זיצען עטליכע יאָהר בײַ מיר אין שטוב און אָבגעבען זיך מיט לערנען . . .

ר׳ ישראל:

איהר וועט מיר מאה פעמים מוחל זײַן, רבי, בלײַבען זיצען בײַ אײַך וויל איך ניט. איך וועל מיר דינגען עפּיס אַ שענקעל אין אַ דאָרף און דאָרט וועל איך מיך איבערגעבען צו עבודת הבורא . . .

ר׳ גרשון:

ווילסט נישט בלייבען ביי מיר, איז אפשר בעסער... וועל איך דיר דינגען א שענקעל אין א דארף, ווי דו ווילסט... חנה! הערסט? דיין חתן וויל גאר נישט בלייבען ביי מיר. ער וויל, איך זאל איהם דינגען א שענקעל אין א דארף, ער זאל זיך דארט קענען מצמצם זיין אין עבודת־הבורא... וואס זאגסט דו דאצו?

חנה:

אז דו ביזט מסכים דאצו, מוז איך אויך מסכים זיין!

איינער פון די יודען:

א שאד, וואס איהר לאזט זיי אוועק פון דאנען. עבים א ווארימער קייט איז געקומען אין שטאדט אריין מיט דעם בחור צוזאמען אצינד געהט דאס ווארימקייט פלוצים פון אונז אוועק...

ר׳ ישראל:

ווער עס וועט נור ווילען אמאל ארויסקומען אין דארף אריין, הערען א גוט ווארט. פאר דעם וועט תמיד מיין טהיר אפען זיין...

ר׳ בער:

איך וועל תיכף מיט אייך ארויספאהרען. אויף מיר קענט איהר שוין רעכנען...

ר׳ גרשון:

דו, בער, דו ווילסט אוועק פון מיר, פערבייטען מיין תורה אויף דברי מוסר? אויף דעם האב איך מיך גאר נישט גערעכט...

ר׳ ישראל:

זייט עטליכע יאהר בין איך א מתבודד און בין היינט דאס ערשטע מאל צוזאמען־געקומען מיט איין עדה יודען, און אז מיין ערשט ארויס־מרעמען האט שוין אזוי פיעל געפועלט, רעכען איך, אז איך וועל וואס

ווײַטער, נאָך מזה פועלן ... בעט איך אײַך טאַקי אַלע, אַז ווי איהר וועט ניר צײַט האָבען, זאָלט איהר צו מיר קומען.

אלע :

אודאי וועלען מיר קומען, וואָס דען ?

ר' בער :

איך וועל זײַן דער ערשטער . . .

אלעקסי :

אפשר וואָלט איך געקענט זײַן דער צווייטער צום מיטפאָהרען ? איך וועל אײַך זעהר צו־ניץ קומען, איך קען אימנעהן מיט פערד, איך קען בעדיענען אין שטוב און קען אַלדינג טהון !...

(ר' גרשון בלייבט זיצען פערטראַכט, שרה־מלכה און הנה קוקען זיך אָן אײנע די אנדערע מיט פערוואונדערונג).

ר' ישראל :

די צונג איז די פען פונ'ם האַרץ, זי זאָגט, וואָס דאָס האַרץ פיהלט. נור אַזוי ווי מײַן האַרץ איז אַצינד פול, איז מײַן לשון שטומפּיג און איך קען נישט אַרויס־ברענגען אַ וואָרט, צו ערקלערען, וואָס עס טהוט זיך בײַ מיר אינעווייניג אין אַזאַ רגע, ווי גליקליך איך פיהל מיך און ווי צופריעדען איך בין פונ'ם היינטיגען טאָג.

פאָרהאַנג פאַלט.

דריטער אקט.

אין אַ דאָרפֿישער קרעטשמע. דריי פויערן זיצען ביי
אַ טיש און טרינקען. חנה שטעהט ביים שענק־טיש.

ערשטער פויער:

פּריִלאָוואָ! גיב אונז נאָך אַ קוואַטערעק וואָטקי, אָבער בעסערן
ווי דו האָסט אונז פריהער געגעבען...

צווייטער פויער:

לאָז זי געמאַך! וואָס פאַר אַ בראָנפֿען זי האָט, גיט זי דיר —
און וואָס זאָל זי נעביך טהון? איינע אַליין מוז זי פערברענגען איהרע
יאָהרען אין שענק — און איהר מאַן זיצט זיך גאַנצע טעג אין די
וועלדער, קוקט אין הימעל אַריין, גיט זיך אָב מיט אויסזוכען קרייטער־
צער פאַר קראַנקע, פאָהרט אַרום אין די דערפער — אָדער שטעלט
זיך פּלוצים אַנידער אין מיטען פעלד דאַווענען צו זיין גאָט...

דריטער פויער:

פרול איז איין עהרליכער מענש, זאָג איך דיר. גלייך ער וואָלט
נאָר נישט געווען קיין יוד... ביי איהם איז נישט קיין חלוק אַ פויער
אָדער אַ פריץ, אַ ציגיינער אָדער אַ יוד. אַלעס איז ביי איהם גלייך.
וואו ער קען נור העלפען, העלפט ער גערן מיט זיין גאַנצען כח...

ערשטער פויער:

איין עולה חלעבען, וואָס די זשידעס נעהמען נישט איא מענש
אין שטאָדט אַריין און מאַכען איהם נישט דאָרט פאַר א ראַבין...

צווייטער פויער:

נעה שוין, ס'איז ליעבער, וואס זיי לאזען איהם צווישען אינז... אט האסטו, איז יענע וואך מיין ווייב עפיס איינגעפאלען אין דער נאכט, קראנק נור צום אויסלעשען. איך שטעה, קראץ מיך אין קאפ און ווייס נישט וואס צו טהון. צום גלה איז דריי מייל וועגס אין דרויסען רעגענט מיט קאנען. נעה איז אזא נאכט, בעטען דעם גלה, ער זאל קומען, וועט ער נישט וועלען. הייב איך מיך אויף און לויף צו סרולין. געהט ער, טהוט זיך אן און געהט מיט מיר אהיים, קוקט אן מיין ווייב און גיט מיר א זאג: דארפסט נאך נישט דעם גלה! — בלייב איך שטעהן. א זשידאווסקא דושא פון וואנען קען ווייסען, צי מען דארף יא א גלה אדער ניין? נור נאר נישט! זאגסט, מען דארף נישט, אין נישט! געהט זיך מיין סרול, האקט אן ביי מיר עטליכע שטיקלעך האלץ, הייצט איין אין דער הרובע, נעמט ארויס עפיס אזוינע מיני גראזען פון קעשענע, קאכט דאס אב אין מיינעם א טעפעל, גיט עם מיין ווייב אויס־צוטרינקען — און נעדט זיך אוועק. נאך'ן אוועק־געהן זיינעם ווערד מיין ווייב אנטשלאפען, הייבט אן צו שוויצען — און וואס זאל איך דיר זאגען? צו־מארגענס האט זי שוין געוואלט געהן ארבייטען פאנשצוזנא!...

דריטער פויער:

אזוינע זאכען קען מען דערצעהלען הונדערטער. א שאה, וואס אזא מענש איז א יוד...

ערשטער פויער:

ביי מיר האט ער נאך עפיס בעסערס בעוויזען. די קוה מיינע איז מיר פלוצים פערשלאפט געווארען, האט ער זי מיר אויך גערעטעט מיט עפיס א גראז... דער גלה האט אפילו דערנאך געשריגען, וואס איך האב מיר געלאזט די קוה געזונד מאכען דורך יודישען כשיף... נור איך הער איהם ווי די קאץ, אבי די קוה איז מיר געזונד און לעבט..

צווייטער פויער:

ביי דער מאשקאווע אין אנדערן דארף האב איך געהערט א שעהנערע מעשה: ס'איז געווען פאר די יודישע מיכאלקעס, ווען זיי שטעהען איף פארמאג דאווענען. מאשעק איז דאמאלס אוועקגעגאנגען אין דאס ווייב זיינס איז געבליבען אליין אין שטוב א קראנקע. סרול האט דערפון געוואוסט — און ווייסטו, וואס ער האט געטהון? ער האט זיך אנגעטהון פאר א פויער און איז אהין־געגאנגען צו דער מאש־אווע, איהר פערקויפען האליץ. זאגט זי, אז זי האט נישט קיין געלד. זאגט ער, אז ער וועט איהר דאס האליץ געבען אהן געלד. זאגט זי, אז זי האט סיי־ווי נישט, ווער עס זאל איהר דאס האליץ צעהאקען. זאגט ער, אז ער וועט עס אליין צעהאקען... אזוי האט ער איהר צעהאקט דאס האליץ, איינגעהייצט דעם אויווען און צוגעשטעלט א ברויט־זופ צו קאכען — און ביז ער האט איהר נישט דערלאנגט די זופ צום בעט, האט זי איהם נישט דערקענט...

דריטער פויער (צו חנה)**:**

הערסט, סרולאווא, וואס מען דערצעהלט דא פון דיין מאן? מעגסט אויף איהם שטאלץ זיין!... (חנה שמייכעלט).

א פירטער פויער (קומט אן)**:**

וואו איז סרול?

חנה:

נישטא אין דער היים. זייט צוויי טאג איז ער נאך נישט אהיים־געקומען...

דער פירטער פויער:

נו, מעגסט דיך שוין ריכטען היינט אויף א גוטען טאג... איך וועל איהם שוין צורעכט מאכען דעם פשאקרעווסקי זשיד... א זעהסט? (ציהט ארויס א לאנג מעסער) דאס וועל איך איהם היינט ארייג־זעצן אין דארין...

חנה (דערשראָקען):

פאַר וואָס? האָב רחמנות! וואָס האָט ער דיר דען געטהון?

דער פויער:

אַזאַ פּשאַקרעווסקי זשיד. איך נעהם איהם פאַר אַ בּורר צווישען מיר און מיין שכן פּאַוולוק וועגען דער זאַגראָדאַ, נעהמט ער און פסק'ט, אז פּאַוולוק האָט רעכט... נו, וועל איך איהם ווייזען, אַז עס וועט זיך איהם אָבגעלי׳סטען...

ערשטער פויער:

זייזשע מוחל, פעטער, אפשר האָט ער געמוזט אַזוי פסק'נען?

פירטער פויער:

וואָס הייסט, ער האָט געמוזט? איך האָב דאָך איהם גענומען פאַר אַ בורר און נישט פּאַוולוק!...

צווייטער פויער:

מוז אודאי פּאַוולוק גערעכט זיין, אַז סרול האָט איהם גערעכט געגעבען...

פירטער פויער:

גערעכט אהין, גערעכט אהער. איך האָב איהם גענומען פאַר אַ בּורר, האָט ער געדאַרפט האַלטען מיין צד...

חנה:

זעהסט, אויב ס'איז טאַקי אַזוי ווי דו זאָגסט, טאָרסט דו איהם חלילה נישט טהון דאָס מינדעסטע. העראַ מעשה. די האָסט איהם גענומען פאַר אַ בורר, טראַצדעם האָט ער געזעהן, אַז די ביזט נישט גערעכט און האָט עהרליך געפסק'ט. וואָלסטו דען געוואָלט ער זאָל נישט עהרליך פסק'נען?

פירטער פויער:

איך האָב געמיינט, אַ זשיד וועט שוין עפּיס אויסדרעהען — און דאָ נאָר נישט...

חנה:

און פאוליק וואס וואלט געטהון, ווען ישראל וואלט דיר רעכט געגעבען? אפשר וואלט ער איהם דאן געגעבען א מעסער אין הארץ אריין? און ער וואלט דאך יא רעכט געהאט!

דער פויער:

דאס איז אויך מעגליך — נור וואס געהט דאס מיך אן?

חנה:

קענסט אפשר זאגען, אז ער האט ביי פאוליקן געלד גענומען? איז איהם עפים ארויס־געקומען א נייז, וואס פאוליק איז געבליבען גערעכט און נישט דו? אמת, אז ניין?! לסוף נעהסטו ארום מיט א מעסער און ווילסט איהם אבדיענען פאר זיין עהרליכקייט מיט הרג׳נען...

דער פויער:

ס׳שהוט דאך מיר אבער פארט ווערה, אז איך האב פערלארען!...

חנה:

וואס האט דיר מיין ישראל געקענט העלפען?... איך זעה, אז דו האסט שוין אליין חרטה אויף דעם, וואס דו האסט געזאגט...

ערשטער פויער:

קום ליעבער אהער צו אונז, נעם א קעלישעק וואטקי און פערגעס דיר דעם כעס!...

(ער פאלגט, ועצט זיך צום טיש צו יענע פויערן, אלע טרינקען, דאן שטעהען זיי אויף, בעצאהלען און געהען אוועק. חנה רוימט אב דעם שענק־טיש, ווישט אוים די גלעזער און מאכט ארדנונג. דרויסען הערט זיך אנפאהרען א וועגעלע. חנה לויפט ארוים און קומט אריין מיט שרה־מלכה).

חנה (אריין־קומענדיג):

אבער א גאסט! נו, וואס מאכט איהר עפים שווענעריין? וואס טהוט עפים מיין ברודער?

שרה־מלכה:

דער רבי מיינער האט מיר געהייסען, ארוים־פאהרען א ביסיל

צו דיר, זעהען וואס דו טהוכט עפּיס, ווי עס געהט דיר, וואס דיין מאן טהוט . . .

חנה:

געלויבט השי"ת, עס לעבט זיך! דער מאן מיינער זאל לעבען און געזונד זיין פאהרט ארום גאנצע וואכען אין די דערפער. אמאל איז ער עוסק אין רפואות און אמאל פערגלייכט ער א מחלוקה צווישען שותפים. אפילו פויערן, להבדיל, האבען פאר איהם דעם גרעסטען דרך־ארץ און האלטען איהם פאר א הייליגען מענש . . .

שרה-מלכה:

און דו וואס טהוסט?

חנה:

איך מוטשע מיך א גאנצע וואך אין קרעטשמע צווישען די פויערן . . .

שרה־מלכה:

נו, איז דאס א תכלית פאר דיר?

חנה:

וואס קען איך בעסערס טהון? איך בין צופריעדען מיט דעם...

שרה־מלכה:

וואויל דיר, אז דו ביזט צופריעדען. וואס פאהרט ער עפּיס ארום אין די דערפער? וואס איז ער עפּיס א זנאכאר, א טאקטער, גיט רפואות און איז א דיין צווישען פויערן? . . .

חנה:

איך לאז איהם געווענליך טהון, וואס ער וויל — און מיש מיך נישט אין זיינע עסקים . . . איך בין צופריעדען, אז ער קומט אהיים און מיר זענען דאן אינאיינעם . . . צומאל קומען אויך אריים עטליכע יודען פון שטאדט, ווערד דאן א ביסיל היימליך . . .

שרה־מלכה:

ביי אונז אין שטאדט דערצעהלט מען, אז ער איז א גאנצער

מומחה אויף קריַיעֶכצער און היילט אַלע מיני קראַנקהייטען, די עמי־הארצים דערצעהלען זיך פֿון איהם פלאי־פלאים . . .

חנה:

ס'איז טאַקי אמת! אויף הונדערטער מייל ווייט איז זיין נאָמען בעקאַנט, ביי יידען און, להבדיל, ביי גוים!

שרה־מלכּה:

און דו האָסט גאָר אַ פֿול מויל מיט שמחה, וואָס דיין מאַן איז אַזאַ מפורסם!

חנה:

דאַכט זיך אַזוי!

שרה־מלכּה:

איך פֿערשטעה נישט, וואָס די שמחה דיינע איז אַזוי גרויס?

חנה:

מיך פֿריַיט זיין גוטקייט, דאָס צופֿריעדענע פּנים זיינס, אַז ער קען עמיצען העלפֿען, זיין שטאַרקער גלויבען אָן זיך אַליין און זיין גרויסער כּח, מיטצוריַיסען מיט זיך יעדען מענש, וואָס קען איהם . . .

שרה־מלכּה:

אָבער וואָס האָסט דו דערפֿון?

חנה:

איך האָב דערפֿון די אינערע צופֿריעדענהייט, אַז מיין מאַן איז אַזוי גרויס . . . דאָס דערהאַלט מיך און גיט מיר כּח צו לעבען . . .

(ר' ישראל קומט אַן, אַלעקסי און ר' בער בעגלייטען איהם. חנה לויפֿט דערפֿרייט אַקעגען און העלפֿט דעם מאַן אויסטהון די ווינטער־קליידער).

ר' ישראל (דערזעהט שרה־מלכּה'ן):

אַ, קינדווער רביצין, וואָס טהוט עפּיס דער רב?

שרה־מלכּה:

געלויבט השי"ת. געזונד! דער איבערשטער וועט העלפֿען, קלויבען מיר זיך די צייטען קיין ארץ־ישראל . . .

ר׳ ישראל:

ארץ־ישראל איז אויך דער סוף צוועק פון מיין לעבען, מיט אלע מיינע חושים בענק איך אהין, נור קען עס נישט אזוי גיך אויסגעפיהרט ווערען, ווייל איך דארף נאך דא א סך יאהרע ארבייטען . . .

שרה־מלכה:

וואס איז דיין ארבייט? פאהרסט ארום גאנצע טעג אין די דערפער, ווילסט ווערען א רופא ביי איוואן און ביי מיחיילא? — דער רבי מיינער איז טאקי אויף דיר אין איין כעס, וואס דו ביזט עוסק אין אזעלכע שטותים... האסט געזאגט, דו ועסט דיך אבגעבען מיטן עבודת־הבורא — לסוף האסטו דיר אויסגעקליבען גאר איין אנדער מין עבודה . . .

ר׳ ישראל:

זעהט איהר, קיטיווער רביצין, איהר דארפט שוין יא וויסען, אז ביי מיר איז אלצאיינס, צי די מענשען לויבען מיך אדער זיי רעדען שלעכטס פון מיר, צי מען האט מיך ליעב אדער נישט, צי מען האלט מיך פאר א קלוגען אדער נישט . . .

שרה־מלכה:

אונזערע הייליגע חכמים האבען אבער פארט געזאגט, אז מעהר ווי מען דארף זיך שעהן־מאכען פאר גאט, דארף מען זיך שעהן־מאכען פאר לייטען . . .

ר׳ ישראל:

דאס איז ביי מיר נישט קיין דין. ווייסט איהר פאר וואס? ווייל מיין גאנץ קלערען איז, איך זאל מיך קענען מתדבק זיין אין מיין בורא — און ווייל איך בין טרוד אין קלערען מכח דבקית, האב איך גאר נישט קיין צייט, איך זאל נאכקלערען, וואס עמיצער קלערט וועגען מיר . . .

שרה־מלכה:

ירעדסט אלין פון דבקות אין פון עבודת־הבורא — און וואו טהוסט דו דאס? אפשר בייַ די פייערן, צווישען וועלכע דו פאהרסט א גאנצע טאג?

ר׳ ישראל:

אומעטום, אויף יעדען ארט און אין יעדען אופן קען דער מענש געפינען פלאץ צו עבודת־הבורא. השי״ת וויל, די מענשען זאלען איהם דיענען אויף כל־ערליי אופנים . . . אלסדינג, וואס דער מענש טהוט, קען בענוצט ווערען פאר דער עבודה פון זיין ליעבען נאמען . . . די שכינה איז זיך מתלבש בביכול אין אלע ענינים פון דער וועלט. אפילו אין די תאוות עולם הזה . . . צומאל אפילו ווען דער מענש רעדט דברים בטלים און איז לכתהלה דערוויַיטערט פון גאט, פאלט איהם איין א מחשבה טובה — און ער איז שוין וויַיטער נאהנט צו זיין ליעבען נאמען . . .

חנה (צו ר׳ ישראל):

ביזט אפשר הונגעריג?

ר׳ ישראל (צו שרה־מלכה):

זעהט איהר, רביצין, אפילו עסען איז אויך א גרויסע זאך. נישט נור צוליעב דעם, וואס מען האט דערפון כח צו לעבען און נאט צו דיענען, נור אז זיין ליעבער נאמען האט בעשאפען דעם מענש, ער זאל עסען, איז שוין דער מענש ממלא מיט׳ן עסען דעם רצון פונ׳ם איבערשטען . . .

שרה־מלכה:

הייסט עס, אז נישט נור מען עסט, כדי מען זאל קענען לעבען און גאט דיענען, אווי ווי דו זאגסט תמיד, נור מען לעבט אויך, כדי מען זאל עסען . . .

ר׳ ישראל:

מען עסט און מען לעבט, כדי מען זאל קענען גאט דינען. דאס איז דער עיקר פון׳ם מענש.

ר׳ בער:

און וואו ווייט גרייכט דער חוב פון עבודת־הבורא?

ר׳ ישראל:

דער חוב פון עבודת־הבורא האט נישט קיין גרעניץ. יעדער איז מחויב גאט צו דינען, ווי ווייט זיינע כחות טראגען אוים. אלע בעשעפענישען דינען זיין ליבען נאמען לויט זייער דעה און לויט זייער שכל, וואס גאט האט אין זיי ארײַנגעגעבען. אפילו דאס קלענסטע ווערימעל טהוט אלדינג לויט זיינע כחות . . .

(הנה דערלאנגט עסען צום טיש, נור ר׳ ישראל וויל נישט עסען).

שרה־מלכה:

האסט היינט עפיס א תענית?

ר׳ ישראל:

פאסטען איז נישט מיין דרך. איך מיין אויך, אז אפילו נאר די גרויסע פאסטערס, וואס פאסטען משבת לשבת און זיי מיינען, אז זיי טהוען מיט דעם עפיס וויכטינס, איז זייער תענית אויך גאר נישט חשוב. דאס נפש ווערד נישט דערפון געלייטערט, ווייל דער יצר־הרע רעדט איין א געוויסען שטאלץ אויפ׳ן תענית . . .

חנה:

אפשר וואלסטו פארט עפיס געגעסען?

ר׳ ישראל:

צונ׳ערשט וויל איך נאך דאווענען מנחה . . .

שרה־מלכה:

נו, ארובה, איך האב דיך שוין טאקי לאנג נישט געהערט דאווענען, און זאגען מוז איך דיר, אז ווי דו געפעלסט מיר נישט מיט

אַלע דיינע דיבים, איז עפּיס דיין דאַווענען פאַר מיר פּשוט ווי אַ שאַרפֿע בּשקה, וואָס די שבורסט מיך אָן מיט איהר . . .

ר׳ ישראל:

היינט קען איך אייך נישט צוליעב טהון, וואָס איהר מיינט. היינט וועט זיך דאָס התלהבות אין מיין דאַווענען נישט דערקענען . . .

שרה-מלכּה:

מיינסט, איך האָב נאָך נישט געזעהען, יודען ערנסט דאַווענען?

ר׳ ישראל:

חלילה! איך מיין נור, אַז די משונה׳דיגע תנועות, וואָס אַ מענש מאַכט אַמאָל בּיים דאַווענען, זענען נישט דוקא אַ סימן פון התלהבות, ווייל דאָס התלהבות בּיים דאַווענען קען אויך זיין אינעווייניג, מען זאָל עס גאָר נישט אָנזעהען. די תנועות בּיים דאַווענען זענען צומאָל אַ סימן, אַז דער מענש טרענקט זיך דאַמאָלס אין ים פון מחשבות זרות, אַרבּעט ער איבּערדעם מיט׳ן גאַנצען גוף, ער זאָל קענען צושווימען צום בּרעג פון דער ריינער מחשבה . . .

שרה-מלכּה:

וואָס אַמאָל רעדסט דו צו מיר טיעפער און ערנסטער, אַז איך בּין נור אַ יודענע . . .

ר׳ ישראל:

פאַרהאַנען אפילו מאַנסבּילען, וואָס עס איז זיי אויך שווער, אַזא זאַך משיג צו זיין, גלייך ווי עמיצער וואָס האָט נאָך נישט טועם געווען דעם מעם פון עפּיס אַ מאכל, קען מען איהם נישט ערקלערען מיט ווערטער, וואָס דער טעם איז, אַזוי קען איך אייך נישט ערקלערען, וואָס דער חלוק איז פון אויסענווייניגסט התלהבות בּיז אינעווייניגסט התלהבות . . .

שרה-מלכּה:

נו, נעה שוין דאַווענען, ווי אַזוי דו ווילסט . . . (ר׳ ישראל אָב). אַ קיטיוועך יור קומט אָן.

ר׳ בער:

אה, אַ קאָטיווער ייד איז דאָ. שלום עליכם! וואָס הערט זיך עפּיס אין קאָטיוו?

דער ייד:

אונזער רביצין איז אויך דאָ. אויך געקומען צו ר׳ ישראל׳ן?

חנה:

זיצט, ר׳ ייד, מיינער וועט באַלד אַריין־קומען. ער איז נאָר גע־גאַנגען דאַווענען מנחה...

דער ייד:

איך בין געקומען נאָך אַ רפואה פאַר אַ קינד. שוין ווייט אַ וואָך איז עס איינגעפאַלען און עס ליגט, רחמנא־לצלן, אָהן חושים...

חנה:

וואָס האָט איהר שוין געטהון דאַצו?

דער ייד:

דער רופא האָט איהם אָדער געלאָזט. דערנאָך האָב איך גע־רופען דעם טאָקטער און ער האָט אויך געגעבען רפואות. ס׳האָט אָבער אַלעס נישט געהאָלפען...

חנה:

און וואָס ווילט איהר אַצינד?

דער ייד:

איך וויל, ר׳ ישראל זאָל מיר געבען עפּיס אַ רפואה...

חנה:

פאַר וואָס זענט איהר נישט פריהער געקומען צו מיין מאַן, איידער איהר האָט גערופען דעם רופא און דעם טאָקטער?

דער ייד:

איך ווייס, אַז ר׳ ישראל האָט נישט ליעב צו געבען קיין רפואות. האָב איך פריהער געזוכט פריבירען אַנדערע,

הנה:

אײב אזױ, װײסט איהר װאָס? נעהט אַרײַן, זײַט מוחל, צו מײַן מאַן אין אַנדערן חדר. אפשר װעט ער קענען נעהמען דאָס קינד אױפ'ן זינען בשעת דאַװענען. (דער יוד אב).

עס קומט אַן אַ יוד מיט אַ קראַנקען אויף שטעקענעס, קוים וואָס ער האַלט זיך.

דער יוד:

גאָט העלף! האָב איך ר' ישראל'ן געטראָפען אין דער הײם?

הנה:

יאָ, ער דאַװענט אַצינד מנחה. װאָס װילט איהר דען?

דער יוד:

אַ רפואה פאַר מײַן ברודער װיל איך... פלוצים איז איהם עפּיס אַרײַן אין די פיס, אַז ער קען נישט געהן און נישט שטעהן...

הנה:

װי לאַנג איז דאָס שױן?

דער יוד:

שױן באַלד אַ יאָהר!

(ר' ישראל מיט יענעם יוד קומען אַריין).

ר' ישראל:

געהט געזונטערהײד און השי"ת װעט דעם קינד געבען אַ רפואה שלמה. קאָכט איהם אָב אָט די קרײטעכצער, װאָס איך גיב אײַך — און גיט זײַ איהם אויסצוטרינקען... השי"ת װעט העלפען!

דער יוד:

האָט'ס אַלע אַ גוטען תמיד! (אב).

דער קראַנקער (הייבט אָן צו וויינען פאַר ר' ישראלין):

הײליגער צדיק! זעהט, איך בין נאָך גאָר אַ יונגער מענש און שױן אַ יאָהר קען איך נישט געהען אויף מײַנע פיס... די גאַנצע װעלט װאַנט, אַז איהר קענט העלפען, בעט איך אײַך, איהר זאָלט מיר געבען עפּיס אַ רפואה...

ר׳ ישׂראל:

גלויבסט די אמת׳דיג, אַז איך קען דיר מיט גאָט׳ס הילף ברענגען די ישועה — אָדער דו רעדסט דיר נור אַזוי איין, אַז איך קען העלפען?

דער קראַנקער:

איך גלויב באמונה שלמה, אַז איהר אַליין קענט מיר העלפען!...

ר׳ ישׂראל (פערבעסערט):

מיט׳ן איבערשטען׳ס הילף!

דער קראַנקער:

איך גלויב, אַז ווען איהר זאָלט נור וועלען, קענט איהר מיר מיט׳ן איבערשטען׳ס הילף העלפען . . .

ר׳ ישׂראל:

טאָמער האָסטו נור אַ שטיקעל ספק, קענען דיר אַלע מיינע רפואות נאָר נישט העלפען! אָהן אמונה קען עס נאָך שאַדען!...

דער קראַנקער:

איך האָב נישט קיין שום ספק!...

ר׳ ישׂראל:

אויב דו גלויבסט אמת׳דיג, וועסטו אודאי געהאָלפען ווערען. די אמונה מוז יעדען מענש העלפען, סיידען זי איז נישט קיין ערליכע... ווי הייסט דו?

דער קראַנקער:

שמואל בן אסתר הייס איך.

ר׳ ישׂראל:

שמואל בן אסתר עמוד על רגליך, האַלט דיך אויף דיינע פיס! שטאַרק דיך, דו זאָלסט אַליין שטעהן! גלויב, אַז דו וועסט קענען שטעהן, ווייל איך הייס דיך!... און זאָג מיר נאָך, וואָס איך וועל מיט דיר זאָגען . . .

דער קראַנקער שטעהט מיט אַלע כחות. ר׳ ישׂראל זאָגט און דער קראַנקער זאָגט נאָך:

רְפָאֵנוּ ה׳ וְנֵרָפֵא,
הוֹשִׁיעֵנוּ וְנִוָּשֵׁעָה, כִּי תְהִלָּתֵנוּ אָתָּה —
כִּי אֵל מֶלֶךְ רוֹפֵא נֶאֱמָן וְרַחֲמָן אָתָּה . . .

היילט אונז, גאָט, מיר זאָלען זיין געהיילט,
העלף אונז, גאָט, שיק אונז דיין הילף,
ברענג אונז היילונג פאַר אַלע אונזערע קראַנקהייט,
אַ רפואה שלמה שיק אונז פון דיר
צו אונזערע וועהטאָג און אונזער׳ע לייד . . .
דו ביזט דאָך איין אמת׳דיג רחמנות׳דיגער רופא . . .

ר׳ ישראל זאָגט די תפלה מיט דעם קראַנקען דריי מאָל. אויף זיין ווינק וואַרפט דער קראַנקער אַוועק נאָך׳ן צווייטען מאָל זאָגען ביידע שטעקענס און שטעהט אָהנע שטעקען. נאָך׳ן דריטען מאָל פּרובירט ער זיך שוין געהן אָהנע שטעקענס, אָנהאַלטענדיג זיך ביי די בענקליך . . . ר׳ ישראל בלייבט שטעהן אין עקסטאַזע, שרה־מלכה קוקט אויף דעם געשעהעניש מיט בעגייסטערונג, חנה האָט אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען. דער קראַנקער זאָגט דאָן די תפלה איין מאָל אַליין, געהענדיג ביי די בענקלעך.

(פאָרהאַנג פאַלט).

פירטער אקט.

אין דער שבת־שטוב פון דער קרעטשמע. אריס מעבעל, אבער זעהר ריין. דער טיש ווייס געדעקט. אויפ'ן טיש מעשענע לייכטער. מיטען צימער א הענגלייכטער. אויף דער וואנד עסעס. אומעטום ליכטיג. חנה שטעהט און צינדט ליכט. ר' גרשון זיצט און קוקט אריין אין א ספר. חנה ענדיגט דאס ליכט־בענשען און זעצט זיך אנידער שמועסען מיט ר' גרשון.

ר' גרשון:

וויל איך, הייסט עס, בלי נדר אויף דער אנדערער וואך פאהרען קיין ארץ ישראל. קלער איך, מען מוז זיך מיט דיר געזעגענען, בויזט דאך מיין שוועסטער. אין־איינוועגס האב איך אויך געוואלט זעהן דיין מאן . . . פאהר איך טאקי נעכטען ארויס פון קיטיוו מיט דער דעה' צוריק צו פאהרען אהיים אויף שבת. א סימן האסטו, אז איך האב מיר אפילו נישט מיטגענומען א שבת'דיג בגד. מאכט זיך דער וועג אזוי שווער, פשוט נישט ארויס צו קריכען פון דער בלאטע — קוים וואס איך בין אנגעקומען צו דיר פאר'ן ליכט־בענשען.

חנה:

גוט, וואס עס האט זיך אזוי געמאכט. וועל איך האבען דעם תענוג, דו זאלסט אמאל ביי מיר שבת האלטען . . .

ר' גרשון:

איך ווייס, אז דו בויזט צופריעדען דערפון. די רביצין מיינע וועט אבער נישט וויסען, וואס צו קלערען . . . אין שטאדט קען זי נישט וויסען, וואס פאר א וועג איך האב געהאט — און עס קענען איהר נאך איינפאלען מחשבות, השם ישמרנו!

חנה:

זי וועט זיך משער זיין, אז די ביזט געבליבען ביי מיר אויף שבת...

(פויזע).

ר׳ גרשון:

עקר שכחתי, וואו איז ערגיץ דיין מאן? אודאי געיאגט דאווענען מיט מנין...

חנה:

ישראל איז נאך היינט גאר נישט אהיים־געקומען, ער וועט אבער אודאי באלד אנקומען.

ר׳ גרשון:

און מקבל־שבת זיין ווען וועט ער?

חנה:

דרינען אין קרעטשמע ווארטען שוין אויף איהם עטליכע יודען, וועט ער אודאי מיט זיי אין־איינעם דאווענען...

ר׳ גרשון:

קומט ער תמיד פריי־טאג־צו־נאכטס אזוי שפעט אהיים?

חנה:

נישט תמיד! נור היינט זוימט ער זיך מיר עפּיס צו לאנג.

ר׳ גרשון:

זיינע הפצות הער איך יעדען טאג. מענשען דערצעהלען מיר שוין, נור היינט איז שבת. נאך שבת, אי״ה, וועל איך מיט איהם רעדען איין ערנסט ווארט.

(לאנגע פויזע. ר׳ גרשון פערטיעפט זיך אין׳ם ספר. חנה געהט אריין אין דער אנדערער שטוב. ר׳ גרשון געהט אויף און אב אונגעדולדיג, קוקט ווייטער אין ספר אריין, שטעהט אויף און זעצט זיך אנידער. דערנאך נעמט ער זיך זאגען שיר־השירים, און כדי צו פערטרייבען די לאנגווילע, זאגט ער הויך מיט א נגון. און ווי ער ענדיגט דאס ערשטע קאפיטעל, קומט אן ר׳ ישראל, ר׳ בער און אלעקסי, נור ר׳ ישראל און אלעקסי געהען באלד אב אין אנדער׳ן צימער).

ר׳ בער:

אה, שלום עליכם, קישינעווער רב!

ר׳ גרשון:

אה, דו ביזט עס? בער? מענסט זאגען: „שלום עליכם, רבי!״ — דאכט זיך, אז דו האסט ביי מיר א צייט געלערנט און אויב דו האסט נאך נישט פערגעסען, דארפסט דו וויסען, אז „הלומד מחבירו אפילו אות אחת, צריך לנהוג בו כבוד״...

ר׳ בער:

אמת, איהר האט רעכט. איך האב ביי אייך א סך געלערנט. נור דא ביי מיין איצטיגען רבי׳ן און שטוב, קען איך אייך נישט רופען „רבי״, וויל עס וועט אפשר אנריהרען דעם כבוד פון מיין רבי׳ן ר׳ ישראל...

ר׳ גרשון:

לויט איך הער פון דיר, הייב איך אן מסופק צו זיין, צי דו געדענקסט נאך פירוש המלות... האסט מיך מורא צו רופען „רבי״, וויל עס וועט זיין א פגיעה בכבוד פאר דיין איצטיגען רבי׳ן — אבער וואס לערנסט דו דען אייגענטליך?

ר׳ בער:

ביי אייך האב איך א סך געלערנט, אבער צו דעם, וואס איך לערן דא, קען זיך אייער לערנען נישט פערגלייכען!

ר׳ גרשון:

האב איך דאך טאקי רעכט. וואס איך זאג, אז דו האסט שוין פערגעסען פירוש המלות... האסט אויסגעביטען ש״ס ופוסקים אויף דברי מוסר, וואס זענען געמאכט געווארען פאר נשים און עמי־הארצים — דאס רופסט דו פלוצים תורה און דעם מוסר־זאגער רופסט דו „רבי״...

ר׳ בער:

נישט דער תוכן פונם לערנען איז דער עיקר, נור דאס רוחניות, פון דער סביבה. אייער תורה איז א טרוקענע, א שאלה פון בשר בחלב.

אַ מילכיגער לעפֿעל איז אַריין־געפֿאַלען אין אַ פֿליישיגען טאָפּ, אָדער אַ שאלה אין דיני ממונות, ראובן ושמעון האָבען אַ דין־תורה וועגען חיי פּרוטות. אָבער אַלדינג איז עפּיס אָהן אַ שטיקל חיות. דער גוף פֿון אייער תורה, דער צד הנגלה, דאָס וואָס ליגט פֿון אויבען אויף, איז טרוקען אָהן אַ נשמה — און עס זעהט זיך פֿון איהם נישט מעהר אַרויס ווי אייזערנע דינים, בלייערנע הלכות. וואָס ווען די וועלט וואָלט זיך אפילו איבערקעהרען, קען מען זיי נישט איבעראַנדערשען.

ר' גרשון:

און דיין מיסטערים ת־ה?

ר' בער:

זיין תורה איז נאָר איין אַנדערע, אַ וואַרימקייט געהט פֿון איהר אַרויס און זי פֿערשפּרייט זיך אין אַלע אברים. נישטאָ קיין פּלפּולים און קיין חריפות, אָבער אַנשטאַט דעם טיעפען למדנית נעהמט זיך ביי איהם אַ טיעף האַרץ . . .

(ר' ישראל קומט אַריין ווייס געקליידעט, נאָך איהם יונגען נאָך עטליכע יודען, שטעלען זיך אַנידער דאַוונען. אַלעס דאַוונט שטיל, ענדיגט — און ר' ישראל שטעהט נאָך אַליין ביי דער וואַנד. ר' גרשון זיצט שוין ביים טיש און קוקט אַריין אין אַ ספר).

ר' ישראל דרעהט זיך אום מיט'ן פּנים צום עולם און זאָגט:

כְּגַוְנָא דְּאִינּוּן מִתְיַחֲדִין לְעֵילָּא אוּף הָכִי אִיהִי אִתְיַחֲדַת לְתַתָּא . . .

(פּויזע).

ערב־שבת. אַז יודען זענען מתפלל,
פֿעראייניגט זיך די תפלה זייער —
אין איין סוד מיט'ן כסא־הכבוד.
פֿון איהר ווערד דער כסא־הכבוד צוגעגרייט,
עס זאָל אויף איהם זיצען דער היילינער מלך־עולם . . .
און ווען עס קומט דער ליעבער שבת,
העט אויף די ממשלה פֿון דער סטרא אחרא

און עס לייכט דאָס הייליגקייט פֿון דעם מיט פֿילע קרוינען
נעקרוינטען מלך־עולם.

מלכות און דין הערצען אויף.
ווייל נור רחמים איז שולט אויף דער גאַנצער וועלט.
דאָס פנים פֿינ'ם מענש לייכט אויף מיט'ן אויבערשטען ליכט
און אַלעס ווערד געקרוינט מיט נשמות נייע . . .

(פויזע).

ר' ישראל ענדיגט דאָס דאווענען. מען מאַכט קידוש, מען געהט זיך וואַשען.
און מען געהט עסען. ערשט נאָך „המוציא" גיט ר' ישראל ר' גרשון „שלום עליכם"

ר' ישראל:

קיטוּווער רב איז זיך דאָך געקומען געזעגענען מיט דער שוועסטער.

ר' בער:

און מיט'ן שוואָגער . . .

ר' גרשון:

מיט זיין געוועזענעם תלמיד אפשר מעהר ווי מיט דער שוועסטער
און מיט דעם שוואָגער. עפּיס האָסטו מיר פֿריהער געזאָגט פֿון א נשמה,
פֿון אַ חיות, וואָס עס האָט דיר ביי מיר געפֿעהלט. אפשר קענסטו מיר
עס אַצינד בעסער ערקלערען?

ר' בער:

ס'איז אַ סך וועגען דעם צו רעדען און עס לאָזט זיך נישט
אָפּקומען מיט עטליכע ווערטער.

ר' גרשון:

מעגסט עס מיר זאָגען באריכות. איך וועל הערען.

ר' בער:

איך בין נישט דאָ דער דברן ביים טיש און קען עס אייך נור
זאָגען, אַז מיר וועלען זיין אַליין . . . אַצינד דאַרף אונזער רבי
עפּיס זאָגען . . .

ר׳ ישׂראל:

איך בין היינט שטאַרק צערודערט ... געשעהען, האָט מען היינט דערצעהלט, אין בראָד אַ מעשה, וואָס דאָס בלוט מיינס איז מיר בשום פֿאַרגליווערט געוואָרען הערענדיג.

ר׳ בער:

וואָסערע מעשה? דערצעהלט!

ר׳ ישׂראל:

עפּיס אַ יוד אַ קל איז געדורפֿט געוואָרען פֿון זיין קהלה׳ אזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך אויש געשמדט רחמנא לצלן ... איהר פֿערשטעהט? די קהלה האָט איהם אָנגעטהון אַזוינע יסורים, אַז ער האָט זיך אַז ע אָבגעזאָגט פֿון כלל ישראל ...

ר׳ גרשון:

בעסער אַזוי! וואָס טויגען אַזעלכע יודען? פֿוילע פּירות זענען זיי אין אונזער גאָרטען, פֿון זיי פֿערדערבט זיך דער רעשט. דאַרף מען זיי אויספּלעניען. דערגער זענען זיי אין „כרם בית ישׂראל״, דאַרף מען זיי אויסרייסען מיט דער וואָרצעל ...

ר׳ ישׂראל:

דאַכט זיך מיר, קיטיווער רב. אַז איהר האָט נישט גוט איבערלעגט, וואָס איהר זאָגט ... כל־זמן דאָס אבר איז בּיהעפֿט צום גוף האָט עס נאָך אַ תקוה, אַז עס קען האָבען אַ רפֿואה. קוים האָט מען עס אָבער אָבגעשניטען פֿונ׳ם גוף, איז שוין נאָך אַלע האָפֿנונגען ... (בלייבט זיצען פֿערטראַכט, דערנאָך ווענדעט ער זיך פּלוצים צום עולם) נישט כדאי, מענשען זאָלען זיך וועלען מישען אינ׳ם בין־זיין אַנדערע מענשען׳ ווייל יענע האָבען אַנדערע דרכים אין השגת הבורא. משיג־זיין דעם בורא איז זעהר אַ הארב ענין און יעדער קען זיך האָבען אין דעם זיין אייגענעם דרך. אַמאָל קען מען פֿערברענגען דאָס גאַנצע לעבען מיט דעם ענין און צוקומען קוים צום עק. משיג־זיין דעם בורא קען מען

נור. אַז מען טראַכט, מען זאָל זיך מתדבק זיין אָן זיין ליעבען נאָמין מיט מדות טובות און מיט אַ גלייך פֿיהרונג. דאַן איז דער עיקר דאַווענען מיט כונה, ווייל דורך דאַווענען מיט כונה ציהט זיך דאָס רוחניות פֿון די מדרגות עליונות אין די אותיות אַריין, כדי די אותיות זאָלען קומען צו דער מדרגה עליונה. דאָס קען געשעהן דורכ'ן מכוון־זיין די אותיות פֿונ'ם דאַווענען. דאַרף מען ציהען יעדעס אות, גלייך מען זאָל אָן דעם זיין צונעקלעבט. מען דאַרף מְדַבֵּק זיין די מחשבה צום אינע־ווייניגסטען פֿונ'ם אינעווייניגסטען פֿונ'ם אות. און דאַווענען דאַרף מען ניט נור פֿאַר זיך, נור פֿאַר כלל ישראל. יעדער מענש, אפילו דער קלענסטער, מוז וויסען, אַז ער קען מיט זיין תפלה העלפֿען. און ווער עס וויל ניט מתפלל זיין פֿאַר כלל ישראל, ווערד געשטראָפֿט. אַזוי איז אויך ירמיהו הנביא געשטראָפֿט געוואָרען, וואָס מען האָט איהם אַריינגעוואָרפֿען אין אַ גרוב מיט ליים, ווייל ער האָט ניט מתפלל געווען פֿאַר כלל־ישראל, בשעת ער האָט געהערט דאָס שלעכטס וואָס דאַרף אויף זיי קומען. דערפֿאַר איז ווייטער אברהם אבינו געבענשט געוואָרען, ווייל ער האָט מתפלל געווען אפילו פֿאַר די זינדיגע אנשי סדום . . . אקעגען דעם דאַרף מען וויסען, אַז ביים מתפלל זיין טאָר מען זיך ניט סומך זיין אויפֿ'ן שליח־צבור. נור איטליכער מוז מתפלל זיין פֿאַר זיך. ס'איז אַ משל: דער לייב האָט זיך אַמאָל געביזערט אויף די חיות, איז דער פֿוקס געגאַנגען איהם איבערבעטען אין נאָמען פֿון אַלע, ווייל דער פֿוקס האָט דריי־הונדערט משלים, האָבען איהם די חיות אויסגעקליבען פֿאַר אַ שליח־צבור. לסוף האָט דער פֿוקס געזעהן, יעדע חיה זאָל געהן באַזונדער, מפֿיים זיין דעם לייב . . . (ער פֿערטראַכט זיך אַ ביסיל און רעדט דאַן ווייטער) אָבער, אַז מען זאָגט דאַווענען, הייסט עס ניט דאָס, וואָס איז געוועהנליך אַרומגערינגעלט מיט פֿערשיעדענע דינים, מיט הונדערטער סעיפֿים ווענען פֿערגעסען „יעלה ויבא" אין דער שמונה־עשרה, צי מען דאַרף איבער־חזר'ן די שמונה־

עשרה אָדער נײַן. ווײַל ווער עס פֿערגעסט צו זאָגן „יעלה ויבא" אין דער שמונה־עשרה, דער קען בײַם איבערחזר'ן די שמונה־עשרה ווײַטער פֿאַרגעסן — און ווער עס דאַווענט לשם תפלה און נישט לשם דין, דער וועט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. דער וואָס דאַווענט ערנסט, דאַרף נישט קיין דינים — און ווער ס'איז מדקדק אין דינים, דער קען נישט ערנסט דאַווענען . . .

ר' ישראל בלייבט פֿערטראַכט, דאַן הייבט ער זיך אויף און געהט אין אַנדערן צימער אריין

ר' בער (צו ר' גרשון):

נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין רבי'ס תורה?

ר' גרשון:

איך זאָג גאָר נישט! בײַ מיר האָבען אַזעלכע דבורים אַ קליינעם ווערטה! וואָס האָט ער דאָ אַזוינס געזאָגט? האָט ער האָטש איין קשיא פֿערענטפֿערט? האָט ער אפשר עפּיס מהרש געוועזן אין דער גמרא? וואָס האָסטו דאָ אַזוינס געהערט, וואָס דו ביזט אַזוי נתפּעל געוואָרען?

ר' בער:

קוקט אײַך אָן דעם עולם דאָ, בעטראַכט'ס זייערע התפּעלות, וועט איהר שוין פֿערשטעהן, וואָס איך האָב דאָ געהערט! . . .

ר' גרשון:

אויף זיי זאָל איך קוקען? זיי זענען נאָר נישט! דיך פֿרעג איך, וואָס דו ביזט אַזוי נתפּעל געוואָרען!

ר' בער:

רבי! אַצינד קען איך אײַך זאָגען אָפֿען, פֿאַר־וואָס איך בין אוועק פֿון אײַך און וואָס דער חלוק איז פֿון אײַער תורה ביז צו זײַנער: איהר זענט טאַקי אַ גרויסער למדן, און למדנות דערגרייכט ר' ישראל אפילו נישט אײַער קנאָפּעל, אָבער . . .

ר' גרשון (בייז):

אָבער וואָס?

ר׳ בער:

אײַער תורה איז אש־להבה, פלאַם פײַער, עוף הפורח באויר
מיד נשרף, אַ פויגעל אין דער לופט קען פון אײַער תורה פאַרברענט
ווערען, אָבער ר׳ ישראל׳ס תורה איז אַ דערקוויקענדיש פאַר׳ן נפש, זיס
ווי האָניג און גלאַטיג ווי סאַמעט . . . דבש וחלב תחת לשונו. זאָגט
ער עפּיס, נעמט עס אָן ביים האַרץ און די נשמה צעגעהט דאַבײַ
אין מתיקות . . .

(פּויזע).

ר׳ גרשון:

רעד ווײַטער, נור אָהן מליצות!

ר׳ בער:

בײַ אײַער תורה פעהלט אָטהעם, ס׳איז דאָרט דושנע, נור צום
דערשטיקען . . . אײַער תורה איז סאַמע מדת־הדין! אָהן אַ ברעקעל
רחמים, דערפאַר איז זי אָהן אַ נשמה . . . ס׳איז אַ תורה פאַר
לומדים — און איך האָב געבענקט נאָך אַ שטיקיל תורה פאַר׳ן
פּראָסטע יוד, פאַר׳ן בעל־מלאכה. איך האָב געוואָלט אַ שטיקיל תורה,
וואָס איז נישט נור פאַר די ראשים וזקנים, נור טאַקי פאַר׳ן חוטב־
עצים און שואב־מים . . .

ר׳ גרשון (בייז):

וואָס פאַר אַ תורה איז דאָס אָהן ש״ס ופּוסקים?

ר׳ בער:

ס׳איז אַ תורה פאַר׳ן האַרץ און נישט פאַר׳ן מוח . . . ש״ס
ופּוסקים איז נישט קיין דרך פון עבודת־הבורא, ס׳איז נור אַ מיטעל
אויף צו שאַרפען דעם שכל . . .

ר׳ גרשון:

האָסטו נאָך עפּיס צו זאָגען?

ר׳ בער:

יאָ! איך וויל, איהר זאָלט אייך אַמאָל צוקוקען צו זײַן דא[illegible].

דאַן וועט איהר שוין בעסער פֿערשטעהן אונזער התפּעלות. איהר וועט זעהען, ווי די גאַנצע וועלט דאַוועט מיט אונזער רבּי׳ן אין־איינעם, די ערד פֿון אונטען, דער הימעל פֿון אויבען און די נשמה פֿון׳ם מענש . . .

(ר׳ ישראל קומט צוריק אריין און זעצט זיך אויף זיין פּלאַץ).

ר׳ ישראל:

נו, קוטיווער רב, זאָגט אויך עפּיס, לאָמיך די זכיה האָבען, צו הערען איירם אַ שטיקיל תורה!

ר׳ גרשון:

מיין דרך איז פּלפּול — און דאָס גילט נישט ביי דיר און ביי דיינע תלמידים! . . . אַז דו ווילסט, קען איך דיר איבּערחזר׳ן מיין דרשה פֿון יענעם שבּת. איך האָב געזאָגט איבּער דער סוגיא פֿון תגרי־לוד צוזאַמען־געקומען מיט דער סוגיא פֿון ר׳ חנינא סגן־הכהנים...

ר׳ ישראל:

דאָס איז נישט פֿאַר מיר און נישט פֿאַר מיינע מענשען... זאָגט אונז ליעבּער אַ שטיקיל מוסר.

ר׳ גרשון:

דברי־מוסר קענסטו בעסער זאָגען פֿון מיר. אין דעם ענין איז דיין השפּעה אַ גרעסערע ווי מיינע.

אַלעקסי (קומט אריין):

רבּי! אַ גאַנצע מחנה יודען איז געקומען אויף שבּת. זיי האָבען זיך פֿערשפּעטיגט הינטער׳ן וואלד און זענען ערשט אַצינד אָנגעקומען.*

ר׳ בער (צו ר׳ גרשון):

איהר זעהט, ווי אַלעס נעהט איבער אויף מיין רבּי׳ס צד?

ר׳ גרשון:

איך הער און זעה אַלדינג. ס׳איז מיר נור שווער, משיג צו זיין...

ר׳ ישראל:

איהר ווילט נישט זאָגען האָטש איין גוט וואָרט ביי מיין טיש?

ר׳ גרשון:

איך קען נישט! מיינע אויגען זעהען עפּיס נייעס, און דאָס נייע בלענדעט מיר מיינע אַלטע אויגען. עפּיס זעה איך פּלוצים איין עולם הפוך, איין איבערגעקעהרטע וועלט, עליונים למטה ותחתונים למעלה, דאָס העכערע שטעהט פּלוצים נידריג און דאָס נידריגע דערהויכט... צעהנדלינגער יאָהרען פון מיין לעבען האָב איך פערבראַכט אויף לערנען — און פּלוצים זעה איך, ווי מען קען גרויס ווערען אָהן לערנען...

ר׳ ישראל:

דאָס איז טאַקי געווען דער חסרון! פונ׳ם לערנען האָט אַ יחיד געוואָלט גרויס ווערען — און איך וויל, כל ישראל זאָלען האָבען אַ דרך אויף דערהויכט צו ווערען אין צו קומען לידי שלמות...

ר׳ גרשון:

און איך האַלט נאָך אַלץ לערנען פאַר אַ העכערע מדרגה...

ר׳ ישראל:

און און איך האַלט תפלה פאַר אַ גרעסערע מדרגה...

ר׳ גרשון:

פאַר וואָס?

ר׳ ישראל:

צו דער מדרגה פון תורה קען נור אַ קלייגער טייל יודען צוקומען, נור יחידי סגולה קענען דאַצו דערגרייכען און דער רוב פונ׳ם יודישען פאָלק בלייבט שטעהן אויסענווייניג. אָבער צו דער מדרגה פון תפלה קען דאָס גאַנצע פאָלק צוקומען. דער קלענסטער קען ווערען גלייך מיט׳ן גרעסטען...

ר׳ גרשון:

דו ביזט אפשר גערעכט. נור איך קען מיך שוין נישט צוביינען צו דיין שיטה...

ר׳ ישראל:

איך וויל נישט, איהר זאָלט אייך היינט צובייגען צו מיין שיטה.

איך וויל נור, איהר זאָלט מודה זײַן, אַז איך טהו עפּיס פֿאַר כלל־ישראל . . . אַז דער רוב פֿונ'ם יודישען פֿאָלק וועט זיך אַמאָל געפֿינען אין גאַנצען אין מײַן מחנה . . .

ר' גרשון:

אין אַזאַ ענין האַלט איך אפילו נישט פֿון „אחרי רבים להטות"... נור אַ מענש, וואָס קען צוציהען אַ רבים צו זיך, איז אַ סימן, אַז דער כח זײַנער איז אַ גרויסער, — און פֿאַר יעדען בעל־כח, וואָס קען ממשיך זײַן צו זיך אַ חברה מענשען, האָב איך געוועהנליך דרך־ארץ. עפּיס מוז דאָך אין דעם זײַן... איך זעה, אַז דער כח דײַנער וואַקסט. דאָס מוז איך מודה זײַן. איך פֿיהל, אַז די שפּעטערע דורות וועלען נעהמען אין דײַן דרך און אַנשטאַט למוד וועט מען נעהמען חסידות, ווײַל דאָס איז גרינגער. דער מוח האָט דאַבײַ גאָר נישט צו טהון... מײַן למוד, זאָגט דײַן תלמיד ר' בער, האָט נישט קײן נשמה, האָט ער דורכדעם געמוזט פֿון מיר אַנטלויפֿען... אָבער ווײַטער וואָס וועט זײַן? — כל־זמן מיר בײדע לעבען, האָבען מיר זיך אײַנגעטײלט אין עבודת־הבורא. האַלט איך פֿון תורה און דו פֿון תפלה . . . אָבער שפּעטער וואָס וועט זײַן?

ר' ישראל (הייבט אויף די אויגען צום הימעל):

וואָס שפּעטער וועט זײַן, איז נישט אונזער זאַך. הנסתרות לה' אלהינו! . . . האָט איהר שוין געזעהען אַ בוים מיט פּירות, וועלכע טראָגט פֿרוכטען און בלעטער... פּלוצים האַפּט זיך אַרײַן אַ וואָרם, פֿרעסט אויף די קאָרע, די בלעטער ווערען פֿערוויאַנעט און דער בוים ווערד פֿערדאַרט. איז דאַן דער בוים שולדיג. אָדער קען מען אַרויף־לעגען דאָס אחריות אויף דעם, וואָס האָט דעם בוים געפֿלאַנצט?

(בײַ די לעצטע ווערטער דערזעהט ר' גרשון ווי אַ בענגאַליש פֿײַער לײַכטען איבער ר' ישראל'ס קאָפּ. — ר' גרשון בלײַבט זיצען אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענד. פֿון דרויסען הערט זיך אין אַ קאָר־געזאַנג דיזעלבע מעלאָדיע פֿון „כנור־א"י).

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).